The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No 7797 — Thursday, February 18th, 1932 — יום ה', י"א אדר א', פרשת תצוה, תרצ"ב. — טאראנטא, דאנערשטאג דער 18־טער פעברואר, 1932. — PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library 476 5th Ave NEW YORK N. Y.

FEB 2[illegible]

טיטולעסקו זוכט צו פארמירען א נייע רע־גירונג אין רומעניע

בוקארעסט, פעב. 17.

דער געוועזענער אויסערן מיניסטער ניקאלאי טיטולעסקו, א נאהענטער פער־זענליכער פריינד פון קעניג קאראל, מאכט איצט אלע אנשטרענגונגען צו פארמירען א נייע „קאנצענטראציע" רעגירונג מיט דער הילף פון'ם קעניג.

צווישען אנדערע האט ער אויך קאנ־פערירט מיט דעם פיהרער פון דער טראנ־סילוואניער פויערים פארטיי.

די רומענישע רעגירונג האט באשלא־סען צו שאפען א געצוואונגענע הלואה אין דער פארמע פון א נייעם שטייער אויף אומבאוועגליכע „פראפערטי". די דאזיגע הלואה וועט באנוצט ווערען צו פי־נאנסירען דעם אומבייט פון די אגרארע חובות.

א שטייער פון 1 פראצענט וועט ארויפגעלייגט ווערען פאר די קומענדע פינף יאהר אויף אלע לאנד פראפערטי, וואס וועט אריינברענגען א סומע פון 63 מיליאן דאלאר. דאס געלט וועט אויס־געצאהלט ווערען צוריק אין 30 יאהר. קליינע פארמערס זענען אויסגעשלא־סען פון דעם שטייער.

יאפאן מוסר'ט פעלקער־ליג פאר שארפער נאטע; זאגט אז כינע איז אינגאנצען שולדיג; שלום־פארהאנדלונגען היינט באנייט

אין איהר ענטפער צו דער פעלקער־ליג זאגט יאפאן, אז עס פאררדריסט איהר וואס די ליגע צווייפעלט אין יאפאנ'ס עהרליכע כוונות. — זאגט אויך, אז שארפע נאטע פון פעלקער־ליגע איז געווען ניט קיין ריכטיגע האנדלונג. — אמעריקע לאזט וויסען יאפאן, אז זי וועט איהר האלטען פאראנטווארטליך פאר אמעריקאנער לעבענס.

קאנאדער „פיילאטס" ווילען זיך אנשליסען אין כינעס לופט פלאט

טאקיא, פעב. 17.

עס איז היינט אויסגעפונען געווא־רען, אז יאפאן האט געענטפערט דער פעלקער־ליג אויף איהר שארפער נאטע.

דער ענטפער וועלכער איז אפגעשיקט גע־ווארען נעכטען אוונט איז אויך אזא שארפער ווי די נאטע פון דער ליגע.

אין איהר ענטפער זאגט יאפאן, אז די האנדלונג פון דער ליגע צו דערמאנען איהר (יאפאן) אויף איהרע פארפליכטונ־גען לויט דער קאנסטיטוציע פון דער ליגע און לויט דעם קעלאג פאקט, איז געווען „ניט קיין ריכטיגע".

קענקיטשי יאשיזאווא, האט אין זיין ענטפער אפגעלייקענט, קודם כל, אז יא־פאן האט פון דעם ערשטען טאג זינט דעם אינצידענט אין שאנכאי, בארובט, אדער אז זי האט אין זינען צו באהויבען די כינעזישע טעריטאריעס און פאלי־טישע רעכטע.

צווייטענס, אז יאפאנ'ס מיליטערי־שע האנדלונג אין שאנכאי איז בלויז כדי צו פארטיידיגען דארט די יאפאנעזישע בירגער און די יאפאנעזישע אינטערעסען, אלס רעזולטאט פון כאאטישען צושטאנד אין כינע.

דריטענס, אויב די כינעזישע סאל־דאטען וועלען זיך צוריקציהען פון שאנ־כאי, פארפליכטעט זיך יאפאן, ניט צו אטאקירען אומזיסט, אדער פארכאפען כינעזישען באדען, אדער צו זוכען מאנא פאליטישע פריווילעגיעס.

פערטענס, אויב די כינעזישע סאל־דאטען וועלען זיך צוריקציהען, האט יא־פאן אין זינען צו צוריקציהען איהרע סאלדאטען ביז די „אינטערנאציאנאלע קאלאניעס", און צו לייזען פרידליך דעם פראבלעם, אזוי ווי די אנדערע גרויס־מעכטע.

פינפטענס, איבערצייגט דערמיט יא־פאן, אז זי האט ניט פארלעצט די קאנ־סטיטוציע פון דער פעלקער־ליגע, אדער דעם 9־פעלקער־אפמאך אדער דעם קע־לאג־אפמאך, און דעריבער איז די שט[illegible]גע נאטע פון דער פעלקער־ליגע געווען ניט קיין ריכטיגע.

זעקסטענס, איז כינע אליין שולדיג פאר דעם גאנצען אינצידענט. יאפאן דריקט אויס איהר פארדרוס וואס די פעלקער־ליגע גלויבט איהר ניט אין איה־רע עהרליכע און גוטע כוונות.

די בריטישע און פראנצויזישע אמ־באסאדארען האבען באזוכט דעם יאפא־נעזישען אויסערן מיניסטעריום און זיי האבען פארלאנגט א דערקלעהרונג וועגען יאפאנ'ס אולטימאטום צו כינע, אז זי זאל צוריקציהען איהרע סאלדאטען פון שאנכאי אין פארלויף פון 48 שעה.

אטאווא, פעב. 17.

ארום 250 קאנאדער לופט־פליהער (פיילאטס) וועלכע זענען ביז איצט גע־ווען אנגעשטעלט ביי דער קאנאדער רע־גירונג, האבען זיך אנגעבאטען צו דינען כינע אין איהר לופט־פלאט אין דער איצ־טיגער מלחמה.

ביז יעצט האבען זיך שוין געמעל־דעט 80, אבער עס ווערט פארשטאנען אז עס זענען פאראן 250 וועלכע ווילען פאהרען קיין כינע און דינען אין דער כי־נעזישער לופט־פלאט געגען יאפאן.

ביז איצט זענען זיי געווען אפיצערן פון דער ראיעל קענעדיען עיר פארס. צו־ליעב דעם אבער וואס די פעדעראלע רע־גירונג האט לעצטענס איינגעפיהרט עקא־נאמיע, דעריבער זענען זיי אינפארמירט געווארען, אז זיי וועלען מוזען אנטזאגט ווערען פון זייערע אמטען.

ניט האבענדיג עפעס אנדערש וואס צו טאן, האבען זיי זיך געווענדעט צום כינעזישען גענעראל קאנסול, לי טשואין, וועלכער געפינט זיך אין אטאווא, און זיי האבען איהם פארגעשלאגען דעם פלאן.

דער קאנסול האט זיי געהייסען קומען מארגען, און דורך דער צייט וועט ער אנ־פרעגען וועגען דעם דער כינעזישער רע־גירונג.

וואשינגטאן, פעב. 17.

אדמיראל מ. מ. טיילאר, דער קאמ־מאנדיר פון אמעריקע'ס אזיאטישען פלאט, וועלכער געפינט זיך איצט אין שאנכאי, האט „געקעיבעלט" צום נייווי דעפארטמענט אהער, דאס די יאפאנעזער האבען אויפגעהערט צו ווארפען באמ־בעס איבער דעם אינטערנאציאנאלען סעטלמענט אין שאנכאי.

די אמעריקאנער רעגירונג האט היינט געלאזט וויסען יאפאן, אז זי וועט האל־טען איהר פאראנטווארטליך, אויב אמע־ריקאנער לעבענס וועלען אומגעבראכט ווערען אין שאנכאי.

לאנדאן, ענג., פעב. 17.

אז ענגלאנד האט ניט אין זינען צו פארשלאגען דער פעלקער־ליגע, אז אן עקאנאמישער און פאליטישער באיקאט זאל אנגעווענדעט ווערען קעגען יאפאן, איז היינט דערקלעהרט געווארען פון ענג־לאנד'ס אויסערן מיניסטער סער דזשאהן סיימאן, אלס אן ענטפער אויף אן אנ־פראגע וואס איז איהם געמאכט געווא־רען פון דעם לייבאריט רעפ. [illegible].

שאנכאי, פעב. 17.

צוויי בריטישע מאטראזען זענען היינט געטויט געווארען ווען א כינעזישע באמבע האט אויפגעריסען ביים האנגקיו האפען, אין דעם אינטערנאציאנאלען סעטלמענט.

די דערמארדעטע זענען ה. א. פרענ־צים און ה. ג. פרייאר. דער בריטישער גענעראל קאנסול האט צוגעשטעלט א שארפען פראטעסט צום כינעזישען מע־יאר אין שאנכאי און צו די כינעזישע מיליטערישע פיהרער פאר דעם טויט פון די צוויי בריטישע מאטראזען.

אין שאפעי, די כינעזישע באר־שטאדט פון שאנכאי, איז היינט ווידער געווען רוהיג נאך א טאג פון באמבארדי־רונג.

אויף מארגען איז ווידער באשטימט געווארען א קאנפערענץ צווישען כינע־זישע און יאפאנעזישע מיליטערישע פיה־רער צו קומען צו א פרידליכער פאר־שטענדיגונג. דער באזיס פון דער פאר־שטענדיגונג איז, אז ביידע צדדים זאגען צוריקציהען זייערע טרופען פון שאנכאי.

פרא־פאלעסטיין קאמי־טע געגרינדעט אין זיד־אפריקע

קעיפ־טאון, סאוט־אפ., פעב. 17, (איטא).

די גרינדונג פון א פרא־פאלעסטיין קאמיטע אין סאוט־אפריקע, לויט'ן כא־ראקטער פון דער פרא־פאלעסטיין קאמי־טע וועלכע איז לעצטענס געגרינדעט גע־ווארען אין אמעריקע, איז דא היינט בא־קאנט געמאכט געווארען ביי א באנקעט פאר דר. חיים וויצמאן פון דער קריסט־ליכער פאליטישער געזעלשאפט אין וועל־כער עס געהען אריין פראפעסיאנאלען און פאליטיקער, איינשליסענדיג גענעראל סמוטס.

דער סאוט־אפריקאנער פארלאמענט מעמבער דר. האפמעיער האט זיך גע־נומען די איניציאטיווע צו גרינדען די פרא־פאלעסטיין קאמיטע.

אנפראגע אין בריטישען פארלאמענט וועגען שחיטה אין רומעניע אויף זעקס יונגעלייט

לאנדאן, ענג., פעב. 17, (איטא).

די דערמארדונג פון די זעקס אידי־שע יונגעלייט אין סאראקא, רומעניע, איז היינט אויפגעהויבען געווארען אין ברי־טישען פארלאמענט דורך קאל. וועדזש־וואוד, פארלאנגענדיג פון דער בריטישער רעגירונג צו מאכען וועגען דעם אן אנ־פראגע, נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז ענגלאנד האט אויף זיך א „טריטי"־פאר־פליכטונג פאר די מינאריטעטען, און די רומענישע אידען שטעלען מיט זיך פאר אזא מינאריטעט.

סער דזשאהן סיימאן, דער בריטי־שער אויסערן מיניסטער, האט דאראויף געענטפערט, אז ער האט באקומען אינ־פארמאציע פון דעם בריטישען מיניסטער אין בוקארעסט, וואס לויטעט, אז די אי־דישע יונגעלייט זענען געווען קאמוניס־טען, און אז זיי האבען זיך ניט אפגע־שטעלט ווען די גרעניץ־וואך האט זיי פאראדערט צו אפשטעלען זיך.

סיימאן האט דערקלעהרט, אז ער ווייסט ניט אויב דער בריטישער מיניס־טער האט זיך צופרידענגעשטעלט מיט דער דערקלעהרונג פון דער רומענישער.

א געוואגטע רויבעריי באגאנגען אין האמילטאן

האמילטאן, פעב. 17.

א געוואגטע רויבעריי איז דא היינט באגאנגען געווארען ווען א באנדיט האט זיך אריינגעכאפט אינ'ם אפיס פון דער האמילטאן סטימשיפ איידזשענסי אויף 177 דזשיימס סטריט נארט, האט געבונ־דען דעם מענעדזשער ל. סידארקעוויטש און איז אנטלאפען מיט 180 דאלאר.

טראץ דעם וואס פאליציי איז באלד אנגעקומען איז דאך אבער ניט געלונגען צו כאפען דעם באנדיט.

לויט ווי סידארקעוויטש האט איבער־געגעבען האט דער באנדיט איהם גע־פרעגט אויב ער האט א פרוי מיט קינ־דער. ווען ער האט איהם געענטפערט אז יא, האט איהם דער באנדיט געווארענט, אז ער זאל ניט מאכען קיין טומעל, אויב ער וויל ניט איבערלאזען זיין פרוי און קינ־דער אהן א מאן און פאטער.

„ענדעקעס" טשעפען זיך ווידער צו אידישע סטודענטען אין ווילנע

ווילנע, פעב. 17, (איטא).

באנייטע אנטיסעמיטישע אויסברו־כען זענען היינט פארגעקומען אין ווילנער אוניווערזיטעט אין פארלויף פון דער מאטריקולייישאן צערעמאניע פון'ם מעדיצינישען פאקולטעט.

די „ענדעקעס" האבען זיך אנגע־הויבען קריגען מיט די אידען פאדערנ־דיג אז די אידישע סטודענטען זאלען אפזיצען דעם רעכטען פליגעל פון האל, וואס די אידישע סטודענטען האבען זיך אנטזאגט צו אויספאלגען.

דאס האט געפיהרט צו דעם אז דער אידישער סטודענט קאשעלסקי האט בא־קומען א שווערע וואונד אויפ'ן קאפ.

מיט'ן אנקומען פון די פראפעסארען איז אלץ ווידער איינגעשטילט געווארען.

אסעסמענט אונטערזוכונג אפ־געלייגט

די אונטערזוכונג אינ'ם אסעסמענט דעפארטמענט פון טאראנטא איז אפגע־לייגט געווארען אויף עטליכע וואכען צוליב דעם פארלאנג פון טהאמאס בראדשאו, איינער פון די אונטערזוכער.

באנדע פון אימיגראנ־טען שמוגלער אויפגע־[illegible] אין אמעריקע

[illegible], פעב. 17.

[illegible]יבעצעהן פערזאן, איינשליסענדיג 3 [illegible]יארקער איינוואוינער, זענען „אינ־[illegible]טעד" געווארען פון א פעדעראלער גרענד דזשורי אויף א קלאגע פאר אריינ־ברענגען אויף א ניט לעגאלען אופן אויס־לענדער, קיין אמעריקע. דרייצעהן ספע־ציפישע פאלען זענען אנגעגעבען געווא־רען וואו אויסלענדער זענען אריינגע־בראכט געווארען קיין אמעריקע אויף גע־פעלשטע בלענקס.

דער גרעסטער טייל פון די אנגע־קלאגטע אימיגראנטען־שמוגלער באשטע־הען פון איטאליענער און אויך א איד מיט'ן נאמען סיימאן ראטבערג, וועלכער איז אן אימיגראציאנס אינספעקטאר אין ניו יארק.

א צאהל נייע ארעסטען ווערען דער־ווארט אין פארבינדונג מיט דער אויפ־דעקונג פון א גרויסען שמוגלינג „רינג".

קוויסטען מאכען פאגראם אויף אידען אין רומענישען שטעדטעל

בוקארעסט, פעב. 17, (איטא).

קוויסטען האבען היינט דעמאנס־טרירט אין דער שטאדט פאדולאי, מאל־דאווא, און האבען אטאקירט אידישע גע־שעפטען, אויסברעכענדיג פענסטער און פאראורזאכענדיג אנדערען שאדען.

עטליכע אידישע געשעפטסלייט זע־נען דערביי פארוואונדעט געווארען, פון וועלכע דריי אידען אשר ווייזער און שבתי נאכמאן האבען באקומען גאר ערנסטע וואונדען. עס איז אויך שווער פארוואונ־דעט געווארען נאכמאנ'ס 75 יאהריגער פאטער.

אכט שעה ארבייטס־טאג פאר קא־נאדע גוטגעהייסען פון דעם פעדעראלען פארלאמענט

אטאווא, פעב. 17.

דער פעדעראלער פארלאמענט האט היינט איינשטימיג אנגענומען א רעזא־לוציע וועלכע איז געמאכט געווארען פון דעם געוועזענעם ארבייטס־מיניסטער האנ. פיטער הינעס, אז דער אכט־שעה טאג ארבייט זאל אנגענומען ווערען פאר דער גאנצער קאנאדער ארבייטערשאפט, אלס א מאקסימום טאג ארבייט.

קאנאדע וועלכע האט זיך גע'חתמ'עט אויפ'ן ווערסאילער שלום־אפמאך האט ממילא גוטגעהייסען דעם פונקט דארט וועלכער רעדט וועגען אן 8־שעה'דיגען ארבייטס־טאג, האט מר. הינעס אנגעווי־זען, און דער ליבעראלער דעפוטאט ט. ר. מעקינטאש האט, נעהמענדיג א ווארט אין דער דעבאטע דערקלעהרט, „אז די צייט איז שוין געקומען ווען די אינדוס־טריעלע ארבייטער פון קאנאדע דארפען קריגען די שטיצע פון דער רעגירונג אין דער הינזיכט".

אינ'ם נאמען פון דער רעגירונג האט דער יוסטיץ מיניסטער, האנ. יוה גאטרי, דערקלעהרט, אז די רעגירונג איז ניט גע־גען דעם דאזיגען פארשלאג, נאר אזוי ווי די פעדעראלע רעגירונג קען דאס אליין ניט באשימען, דעריבער וועט נויטיג זיין צו פאררופען א קאנפערענץ מיט די פרא־ווינצען צו באטראכטען די פראגע.

דער ארבייטער־דעפוטאט וואודס־ווארט האט דערקלעהרט, אז די דאזיגע קאנפערענץ מיט די פראווינצען דארף תיכף פאררופען ווערען.

ערשטע קלאוק־קאנפע־רענץ ברענגט ניט קיין רעזולטאטען

די קאנפערענץ וועלכע איז פארגעקומען נעכטען אוונט צווישען פאר־טרעטער פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פארטרעטער פון דער ניי־געגרינדעטער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, האט זיך פארציהען ביז שפעט אין דער נאכט. אבער אזוי ווי עס איז צו קיין פולשטענ־דיגער פארשטענדיגונג ניט געקומען, דע־ריבער איז באשלאסען געווארען צו טרע־פען זיך ביי א צווייטער קאנפערענץ.

אין דער זעלבער צייט האט מר. א. קירזשנער, מענעדזשער פון דער טאראנ־טא'ר יוניאן, דערקלעהרט, אז אלע פאר־בערייטונגען וועלען געמאכט ווערען פאר דעם נאהענטען גענעראל סטרייק, אויב די קאנפערענצען זאלען קיין ממשות'דיגע רעזולטאטען ניט ברענגען.

אנטי־בריטישיסטען אין אירלאנד ציען א גרויסען „וואוט"

דובלין, אירלאנד, פעב. 17.

טראץ דעם וואס די פולשטענדיגע רעזולטאטען פון די וואהלען אין דעם איי־רישען פריי־שטאט, זענען ניט באקאנט, זיינען אבער די ערשטע סמנים אז די רעפובליקאנער (אנטי־בריטישיסטען) זע־נען אין פאראויס, מיט זייער פיהרער דע־וואלערא אן דער שפיץ.

דאס צעהלען די שטימען געהט דער־וויל אן אין פולען שוואונג, און די פולע רעזולטאטען פון די היינטיגע וואהלען וועט מען ניט וויסען, גלויבט מען, ביז'ן סוף פון דער וואך.

די איצטיגע איירישע רעגירונג מיט וויליאם ט. קאסגרייוו אלס פרעזידענט, איז פרא־בריטיש, און די געפאהר איז גרויס אז די איצטיגע רעגירונג זאל קריי־גען א שטארקע נידערלאגע אלס רעזול־טאט פון די וואהלען.

יונגער באלדווין געגען טאראנ־טא'ר פאליציי

אליווער באלדווין, דער סאציאליס־טישער זוהן פון דעם געוועזענעם קאנ־סערוואטיווען בריטישען פרעמיער סטענלי באלדווין, האט נעכטען דערקלעהרט, אז די טאראנטא'ר פאליציי פאסט זיך פאר'ן 18־טען יאהרהונדערט.

פארקויף פון שנאפס אין אנטעריא געפאלען אויף 6 און האלב מיליאן ד.

דער פינפטער יעהרליכער באריכט פון דער ליקער קאנטראל באארד פון אנ־טעריא איז נעכטען „גע'טייבעלט" געווא־רען אין לעדזשיסלייטשור, און עס ציינט אז דורכ'ן יאהר זענען פארקויפט געווא־רען אין די רעגירונגס סטארס, פארשי־עדענע שטארקערע געטראנקען פאר א סו־מע פון 45 מיליאן, 835 טויזענט און 707 דאלאר. דאס מיינט א פארקלענערונג פון זעקס און האלב מיליאן דאלאר אין פארגלייך מיט די שנאפס סיילס וואס זענען געמאכט געווארען מיט א יאהר פריהער.

די צאהל פון געטראנק פלעשלאך וואס זענען דורכ'ן יאהר פארקויפט גע־ווארען זענען אויך געפאלען אויף א סומע פון ארום פיער מיליאן דאלאר, און די צאהל פון די פערמיטס איז געפאלען אויף איבער 61 טויזענט.

איבערגעבענדיג דעם באריכט האט סער העגרי דרייטאן, טשערמאן פון דער ליקער קאנטראל באארד אף אנטעריא, זיך אפגעשטעלט מיט אלע פרטים וועגען דעם פארקויף פון פארשיעדענע געטראנ־קען, איבערהויפט האט ער אנגעוויזען אויף וויפיעל עס איז געפאלען דער פאר־קויף פון אימפארטירטע געטראנקען און „דאמעסטיק" (היימישע) געטראנקען.

טראץ דער פארקלענערונג אין סיילס, איז אבער דערקלעהרט געווארען אז די פראפיטען פאר דער פראווינץ וועלען זיין גרויסע.

סאוויעטישע ארמיי באשטעהט פון א האלבען מיליאן

זשענעווא, פעב. 17.

די סאוויעט־רעגירונג האט היינט אינפארמירט דער פעלקער־ליגע און דער אנטוואפנונגס־קאנפערענץ, אז זי האט אן ארמיי פון א האלבען מיליאן. די רויטע נייווי האט 29 טויזענט מענשען און די רויטע לופט־פלאט האט 28 טויזענט מענ־שען.

די סאוויעטישע געהיים פאליציי בא־שטעהט פון 45 טויזענט.

אראבישע עקזעקוטיווע ווייסט ניט וועגען דער „רונדער - טיש" קאנפערענץ

ירושלים, פעב. 17, (איטא).

די אראבישע עקזעקוטיווע וועלכע פארזאמעלט זיך היינט ווערט דערווארט זאל מאכען א סטייטמענט אז זי ווייסט ניט וועגען דעם פארשלאג פון אבא שולמי וועגען דער אידישער רונדער טיש קאנפערענץ.

אין א פרעסע אינטערוויו האט דר. ארלאזאראוו היינט אויך דערקלעהרט, אז ניט די בריטישע רעגירונג און ניט די פא־לעסטינער רעגירונג ווייסען עפעס וועגען דעם פארשלאג פאר א רונדער טיש קאנ־פערענץ צווישען אידען און אראבער.

הואווער וויל רעארגא־ניזירען די גאנצע אדמיניסטראציע

וואשינגטאן, פעב. 17.

פרעזידענט הואווער האט היינט פאר־לאנגט פונ'ם קאנגרעס די אויטאריטעט אז א פולשטענדיגע רעארגאניזאציע פון דעם אדמיניסטראטיוון בראנטש פון דער רעגירונג זאל געמאכט ווערען. אין א ספעציעלען מעסעדזש צו דעם קאנגרעס האט ער דערקלעהרט, אז דער שנעלער וואוקס פון ביוראס און קאמיסיעס קאסט אפ דעם פאלק מיליאנען דאלארען א יאהר. ער האט דערקלעהרט, אז א טייל פון די דאזיגע ביוראס האבען שוין לאנג אויסגעלעבט זייער צייט און דאך ווילען זיי זיך ניט אויפלייזען.

טראץ דעם וואס ער האט ניט דער־קלעהרט וויפיעל די אפשאפונג פון די אי־בעריגע ביוראס און קאמיסיעס וואלט איינגעשפארט דעם פאלק, האט ער אבער פארזיכערט אז מיליאנען וועלען איינגע־

פרעמיער פון ניופאונדלאנד באשול־דיגט אין גאנב'ען די רעגירונג

סט. דזשאנס, ניו פאונדלאנד, פעב. 17.

א היבשער פאליטישער סקאנדאל האט זיך איצט אנטוויקעלט אין ניו פאונדלאנד, אלס רעזולטאט פון אן אפגע־נער באשולדיגונג וואס איז געמאכט גע־ווארען געגען דעם פרעמיער סער ריי־טשארד סקוואירס, אז ער האט בא־גנב'עט די רעגירונג אויף א סומע פון 51 טויזענט דאלאר.

די באשולדיגונג איז געמאכט גע־ווארען אין פארלאמענט פון האנ. פיטער קעשין, געוועזענער מיניסטער פון פינאנצען און קאסטאמס. ער האט אויך באשול־דיגט האנ. דר. א. קעמפבעל, מיניסטער אהן א פארטפאליא אינ'ם קאבינעט פון פרעמיער סקוואירס, אז ער האט כסדר זיך אנטזאגט צו צאהלען די איינקאמע שטייערען. אויסער די דערמאנטע צוויי האט ער אויך באשולדיגט וואלטער סקעינס, א ליבעראלער דעפוטאט, אז ער האט צוגענומען פאר זיך א היבשע סומע וואס די רעגירונג האט בייגעשטייערט פאר א פראווינץ.

דער פיהרער פון דער אפאזיציע, פ. סי. אלדערים, האט תיכף געלאזט וויסען, אז ער וועט תיכף פאדערען א פארלא־מענטארישע אונטערזוכונג וועגען די בא־שולדיגונגען.

דער פרעמיער האט דאראויף געענט־פערט, אז איידער א וועלכע עס איז אונטערזוכונג וועט באשטימט ווע־רען, וועט ער פריהער גוט שטודירען די אנ־קלאגען, נאכהער וועט ער זיך [illegible] בעראטען מיט'ן גאווערנאר, סער דזשאהן מידלטאן.

האנ. קעשין האט דערצעהלט, אז די שווינדלערייען זענען באגאנגען געווא־רען דורך פעלשען די „מינוטס" פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל, און דורך אנדערע אופנים.

די נייע טעלעפאן נומערען פון „אידישען זשורנאל" זיינען: עדעלייד 7424 און עדעלייד 7425

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן פון אידישען לעבען אויף דער צייט ים

געשריבען פון פארפאסער פון "אונטערוועלט"

מארק סארדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(פארזעצונג)

— איך? ניין! פון וואנען זאל איך איהם קענען? — האט סאניע שנעל איי־בערגערערט, און אין דעם מאמענט איז איהר ווידער ארויפגעקומען אויפ'ן גע־דאנק, אז זי האט דעם נאמען דייוו, דייוו האלצמאן, שוין ערגעץ־וואו פריהער גע־הערט. זי האט זיך אבער ניט געקענט דערמאנען וואו זי האט דעם נאמען גע־הערט. און בעטי האט איהר ניט געגע־בען קיין געלעגענהייט פיעל צו טראכטען וועגען דעם.

— מיין ברודער איז א סטודענט! — האט בעטי זיך באריהמט און האט זיך נענרוויסט — ער לערנט אין קאלעדזש.

— יא, יא? — האט סאניע איבער־געפרעגט — אויף וואס לערנט ער?

— אויף וואס ער לערנט? — האט בעטי איבערגעפרעגט — איך וויים ניט, אבער מא זאגט, ער וועט זיין א דאק־טאר.

— א, דאס וועט זיין זעהר שעהן! — האט סאניע געזאגט, און האט הנאה געהאט פון קוקען אויף דעם געזונטען קינד, מיט דעם לויטערען פנים — וועסט האבען א ברודער א דאקטאר!

— מיין ברודער איז זעהר א שעהנער — האט בעטי ווייטער זיך בארימט — ער וועט באלד זיין אין דער היים וועסט אליין זעהן.

דערנאך האט בעטי זי ארייגעפירט אין קיך און האט זי באקאנט מיט דער קעכין און מיט דער דינסט. דערוויייל איז צוגעפאלען דער אווענט. דורך דעם ברייטען טויער איז ארייגעפאהרען א גלאנציגער אויטאמאביל און איז געבלי־בען שטעהן אין פראנט פון דער הויז.

בעטי איז געלאפען צו דער טיר.

— פאפא איז היער! פאפא געקומען!

— האט זי געשריהען און האט אונטער־געטאנצט.

סאניע האט באמערקט ווי פון דער מאשין איז ארויס א מענש פון א יאהר פופציג, א דיקליכער פארשוין, און די מא־שין איז אוועקגעפאהרען הינטער'ן הויז, וואו דער גאראדזש האט זיך געפונען.

באלד האט זיך די טיר געעפענט און דער דיקליכער פארשוין איז ארייגעקו־מען. לודוויג איז געבליבען שטעהן פאר איהם ווי א סאלדאט פאר זיין אפיצער, האט איהם געהאלפען אויסטאן דעם מאנ־טעל און האט אויך צוגענומען ביי איהם די העט.

פון א זייטיגער טיר האט זיך ארויס־געקייקעלט די ברייטע פיגור פון מאדאם האלצמאן. ערשט איצט האט סאניע בא־מערקט, אז געהענדיג איז די מאדאם נאך ברייטער ווי פריהער, ווען זי איז געזעסען. ניט ווילענדיג איז איהר דורכ־געלאפען א געדאנק דורכ'ן קאפ, אז דער דער טאטע איז דיק, די מאמע ווי א פאס און דאס טעכטערל אזוי ווי א קישען, וואס איז אנגעשטאפט מיט א סך פעדע־רען, ווי אזוי זשע איז דער ברודער, דער סטודענט, דער וואס געהט אין קאלעדזש און לערנט אויף דאקטאר?

אבער זי האט ניט געהאט קיין צו־פיעל צייט צו טראכטען. די מאדאם האט זי א רוף געטאן.

— קום אהער, מיין קינד — האט זי ליעבליך געזאגט צו איהר — ווי אזוי האסטו געזאגט, רופט מען דיך?

— סאניע, מען רופט מיך סאניע — האט סאניע געענטפערט און איז צוגעקו־מען נעהענטער. זי איז געבליבען שטעהן פאר'ן באלעבאס, וועלכער האט געקוקט אויף איהר מיט פריינדליכע אויגען.

— נו, א גאנץ שעהנינקע — האט ער גע'זאגט מיט א קול וואס האט גע־קלונגען אביסעל קייזעריקלאך — אבער אז איך וויים ניט צי דו דארפסט זי...

סאניע האט א ציטער געטאן, אט, האט זיך איהר געדאכט, הייסט ער זי אוועקשיקען.

אבער די מאדאם האט ליבליך גע־ענטפערט:

— וואס ארט דיך, וואס? זאל זיך געפינען נאך א מיידעל אין הויז. אז זי וועט שוין גאר ניט האבען וואס צו טאן, וועט זי פארברייגנען מיט בעטי'ן, אז זי האט, נעבאך, דא קיין חבר'טעס ניט. בעטי...

— נו, מילא זאל זיין אזוי... — האט האלצמאן נאכגעגעבען.

דערנאך האט זיך דערהערט דאס אנ־קומען פון א צווייטער מאשין. אבער די מאשין איז ניט געבליבען שטעהן אין פראנט פון הויז, נאר איז אוועקגעפאהרען גלייך צום גאראדזש. סאניע האט שטיל געפרעגט ביי דער קליינער בעטי:

— און ווער איז איצט געקומען?

— מיין ברודער איז געקומען — האט בעטי געענטפערט — ער טרייבט אליין זיין מאשין.

אין א ווייל ארום איז דורך א זייטיגער טיר אריינגעקומען א יונגערמאן, וועלכער איז געווען גאנץ אנדערש ווי מר. האלצמאן, אדער זיין ווייב. ער איז גע־ווען פון מיטעלען וואוקס, מיט א פיין אידעל פנים פון וועלכען עס האבען ארויסגעליכטען צוויי פינקלענדיגע אוי־גען. ער האט אויסגעקוקט צו זיין א יאהר איין־און־צוואנציג אלט. מען האט גע־קענט זעהן אז ער האט זיך א סך אפגע־געבען מיט גימנאסטיק און מיט באל שפילען. זיינע גלידער זענען געווען שטייף און דער גאנג זיינער איז געווען גלייך און פעסט.

גאר ניט ווי זיין מאמע... איז ביי סא־ניע'ן דורכגעלאפען א געדאנק. זי האט פון ווייטענס געקוקט אויף איהם, און ניט ווילענדיג האט זי זיך דערמאנט אן עדי'ן. זי האט אבער שנעל פארטריבען יענעם געדאנק פון זיך.

איך געפין זיך איצט אין א נייער וועלט... האט זי געזאגט צו זיך אליין. דאס פריהערדיגע מוז אינגאנצען פארגע־סען ווערען.

דער יונגערמאן האט זי דערוויייל פון ווייטענס באמערקט. זי האט געהערט ווי ער האט געפרעגט ביי דער מוטער:

— און ווער איז דאס, מאמע?

— דאס איז אונזער נייע מיידעל — האט די מוטער געענטפערט.

געהענדיג צו עס־צימער האט דייוו האלצמאן אויסגעדרעהט דעם קאפ אויף צוריק און האט א קוק געטאן אויף איהר.

קאפיטעל צוואנציג־פינף.

די קליינע בעטי

סאניע האט זיך זעהר שנעל איינגע־לעבט אין דער רייכער הויז פון דער פא־מיליע האלצמאן. דער ערשטער איינדרוק האט זי ניט אפגענארט. די מענשען זע־נען טאקע געווען זעהר וואוילע, כאטש גאנץ פשוט'ע. די מאדאם אליין, אזוי ברייט און צוגאסען ווי זי איז געווען, אזוי גוט און אזוי מאמעדיג איז זי געווען. סא־ניע האט זיך גאנץ שנעל צוגעוואוינט צו איהר, און האט זי אפילו אנגעהויבען ליעב צו האבען ווי מען האט געוועהנליך ליעב א גוטע, רייכע מאמע. זי האט זיך שנעל איבערצייגט אז קיין זאך וועט זי אין דער דאזיגער הויז ניט אויסלערנען, אבער זי האט זיך דערפאר געפיהלט ווארעם און זארגלאז. און זי האט ביסלאכווייז אנגע־הויבען צו פארגעסען די שווערע טעג וואס זי האט פריהער געהאט דורכגעלעבט.

דעם מר. סעם האלצמאן האט זי זעל־טען געזעהן און עס איז איהר זעלטען אויסגעקומען איהם צו באדינען. ער איז איבערהויפט ניט געווען קיין אפגעהיטער פארשוין. עס האט איהם ניט געארט ווי אזוי ער קוקט אוים און צי זיינע קליידער זענען צוקנייטשט אדער אויסגעפרעסט. דערפאר אבער האט זי אלע מאל געמוזט זעהן אז אלץ זאל זיין אין ארדנונג פאר דעם יונגען הער, פאר מר. דייוו האלצ־מאן, דער קאלעדזש סטודענט, וועלכער וועט, פריהער־שפעטער זיין א דאקטאר.

דייוו איז געווען יונג און שעהן. ער האט געוואלט זיין נאך שעהנער. ער האט זיך געקליידט מיט געשמאק און ער פלעגט יעדען פריהמארגען לאנג שטעהן פאר'ן שפיגעל ביי זיך אין צימער און הנאה האבען פון קוקען אויף זיך אליין.

(ווייטערס קומט)

היי און האבער

צו די ביליגסטע פרייזען אין שטאדט. אויך גרויסער סטאק בוריקעס און מערען, זעהר ביליג. ריליעבל פראדוס, 352 באטהורסט סטריט. עדעלייד 2941, און טריניטי 5774.

(9471-3-4

ביזנעסמאן ... ארבעטער ... הויזפרוי
אפים אנגעשטעלטע ... בעלי־בתים

דארפט איהר בעטען די, וואס קומען אריין צו אייך אין סטאר זיי זאלען דערציילען זייערע באקאנטע, אז ביי אייך באקומט מען...?

דארפט איהר געהן פון פעקטארי צו פעקטארי, און פון טיר צו טיר פרעגען אפשר דארף מען...?

דארפט איהר זיך פארלאזען אויף פריינט און באקאנטע, אז אויב זיי וועלען באגע־גענען אימיצען, וואס זוכט — וואס וויל — וואס האלט ביי....

דארפט איהר עפעס — זוכט איהר עפעס — פעהלט אייך עפעס — גוטע קאסטימער — ארבייט — א פלאץ, וואו מען קריגט עס ביליגער — בעסערע סחורה — אפשר א גוטען בעל מלאכה — ווילט איהר א הויז פארענטען — א הויז רענטען — קויפען — פארקויפען?

אן אדווערטייזמענט אין "אידישען זשורנאל" וועט עס אייך גע־בען מיט וויניגער מיה און צו זעהר קליינעם קאסט. באזונ־דערס אונזערע קלאסיפיצירטע אדווערטייזמענטס קאסטען ווייניג און ברענגען רעזולטאטען.

אדווערטייזט אין „אידישען זשורנאל"

TORONTO HEBREW JOURNAL

542 DUNDAS WEST
PHONE: ADELAIDE 7424-7425

א שלעכטע מאמע

בענעלע: — סעי פאפא, וויפיעל קאסט די באטעל טינט וואס דו האסט אהיים געבראכט. קאסט עס זעהר א סך געלט?

פאטער: — ניין, מיין קינד, עס קאסט בלויז 6 סענט.

בענעלע (מיט א געוויין): — פאר וואס זשע האט מיר די מאמע אזוי גע־שמיסען, ווען איך האב אויסגעגאסען אביסעל טינט אויפ'ן קארפעט?

פיינטינג, פייפער העננינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום, מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

פייפערהענגינג און פיינטינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר און העכער מיט אונזער פייפער. ארבייט גאראנטירט. טעלעפאנירט גלייך לאידברוק 2350.

(4480-2-28

א באי!

אנשטענדיג, מיט גוטען כאראקטער (מיט א טרייד, אין האנט פארצעציגען) ווערט געזוכט פאר א שעהן אינטעליגענט ארבייטס מיידעל, 24 יאהר אלט, פאר־מאגט אויך עטליכע הונדערט דאלאר. דער פאראינטערעסירטער וואס מיינט ריכטיג ביזנעס זאל שרייבען אלע איינצעלהייטען פון זיך. די קארעספאנדענץ וועט זיין שטרענג קאנפידענשעל. ענטפערט באקס 12 "אידישער זשורנאל".

(9636-2-21

5 דאלאר 5 דאלאר
פייפערהענגער און פיינטער

פאר 5 דאלאר א רום פייפערען מיר אוים אייערע רומס מיט די לייטעסט דעזיין. אויך מאכען מיר פעינטינג, קראפטעקס בלענדינג ביליג. רופט גלייך אפ טעלעפאן טריניטי W 7304. עסטי־מייטס פריי.

(4560-3-10

חזן כ. זולאדאווסקי

מיניעניש געשולטער סוירדושען

מוהל

— אויך —

מאדערנער מסדר קדושין

סורוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער. קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו. טעלעפאן קינגסדייל 8832.

ארימע אומזיסט



אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינ־ציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט און אפטישען

דר. הענרי הערריס

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינא)

אפען ביז 9 אוהר אין אווענט.

Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Sradina
Open until 9 p. m.

הפצ'ם
שפיין פעקלאך קיין רוסלאנד

דעליווערט ווי פריהער אן דיוטי. 100% גאראנטירט

די באריכטען וועגען אפשטעלען דאס שיקען פעקלאך איז ניט ריכטיג. אויסוואל פון פרישע שפייז, אויך זייף. פעקלאך צוגעשטעלט אין 25 טעג. אן אונטערשריפט פאר יעדען פעקעל. מיר שיקען אויך דאלארס און טארג־סין ארדערס קיין רוסלאנד. טעלעגרא־פיש בלויז 25 סענט.

הפצ'ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE

143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

פארלאנגט

הארדוואוד פלארס געלייגט און גע־פינישט. אלטע פלארס ריסורפייסד מיט עלעקטריק מאשינען. טריניטי 7190.

(9593-2-19

פארלאנגט אלערליי הינטלאך, בעסטע פרייזען געצאהלט. טעלעפאן טריניטי J 3155.

(749-2-21

פאראנטוואָרטליכער פאריער פאר־לאנגט אן אפ־טו־דעיט לאידים שניידער, מוז קענען דעזיינינג, קאטינג און פיטינג לאידים סוטס ענד קאוטס. מוז אינוועס־טען עטליכע הונדערט דאלאר צו ווערען א פארטנער. זעהר גוטע געלעגענהייט צו מאכען א גוטען לעבען. מעלדען פערזענ־ליך אדער שרייבט צו מ. לאבעל, קער אף אלאסקא פור שאפ, 242 בענק סטריט, אטאווא, אדער אין אווענט 341 ליסגאר סט., אטאווא.

(9536-2-21

א קאפעל פארלאנגט א גרויסע רום אין א וואָרעמער הויז אדער אפארטמענט מיט שטענדיג לויפענדע הייסע וואסער, ארום ספעדיינע און האלעדזש. טעלעפאן וויוועורלי 6916.

(9628-2-28

פערזאנען געגען וועלכע די אמאלגאמייטער יוניאן איז באגאנגען אן אומרעכט, זענען געבעטען צו ווענדען זיך צו מר. בלעקסטאן, 117 דיארסי סטריט.

(9631-2-18

איך פיקס אלערליי פוירניטשור, פאָ־ליש פיאנאס פאר $10, נעהם ארויס פלע־קען פון טישען. איך מאך עס פון אלטע זאל אויסזעהן ווי נייע. איך פיקס אויך אפהאלסטערינג. עדעלייד 4707.

(9634-2-19

פארלאנגט א פארטנער צו א גוט געהענדער בעקעריי ביזנעס. 239 מארק־האם סטריט.

(9648-2-21

אימפיריעל בעקערי, 172 באלדווין סטריט, פארלאנגט עקספיריענסד בעקערס פאר סטעדי ארבייט.

(9646-2-21

שערמאנס בעקערי, 28 באלדווין סטריט, פארלאנגט עקספיריענסד בעקערס פאר סטעדי ארבייט.

(9645-2-21

אונגארישע פרוי פארלאנגט אלערליי הויז ארבייט ביים שטונדע. 169 מיקאל סטריט. עלגין 5607.

(9642-2-19

פארלאנגט א יונגע אידישע מיידעל צו טאן הויז ארבייט, עסען און שלאפען אויפ'ן פלאץ און געלט געצאהלט. פרעגען 789 דאנדעס וועסט, לעבען באטהורסט.

(9640

דייטשער מאן פארלאנגט פארטנער צו מאנופעקטשורען היי־גרייד פערפיום, קיין סך געלט ניט נויטיג. שרייבען באקס 153.

(9639

פארלאנגט זינגערס

חזן בארענשטיין פארלאנגט טענארס. ווענדען זיך פון 7 ביז 10 אווענט אין חזנ'ס הויז, 108 A מיידזשאר סטריט.

(747-2-18

צו פארקויפען

די בעסטע געלעגענהייט פאר איינעם וואס וויל געהן אויף א פארם, 218 אקער מיט סטאק און אימפלאימענטס, קינגסטאן ראוד, צווישען קאבארג און גרעפטאן, קען זיין א גוטער זומער רעזארט מיט א לויפענדיג וואסער. עקספערטען האבען געזאגט אז עס איז איינע פון די בעסטע סטאק פארמס. עס קען ווערען געקויפט ביליג מיט א קליינעם איינצאהל. טעל. מעלראז 7330, אווענטען הילקרעסט 8444, אדער הילקרעסט 0494.

(9522-2-23

מיר באצאהלען די העכסטע פרייזען פאר אלערליי הינטלאך. קינגסדייל 7104.

(9618-2-19

צו פארקויפען א קאמפליט שאפ מיט 8 מאשינען. 443 קינג סטריט וועסט.

(9627-2-18

איבערצוגעבען א גראסערי סטאר מיט 2 רומס, ביליג רענט. אורזאכע קען ניט אטענדען. פרעגען 712 קאלעדזש סט.

(9638-2-21

צו פארקויפען א לוידים רעדי־טו־ווער און דריי־גודס סטאר אין בעסטען געגענד פון שטאדט. ביליג רענט. טעל. קענוואוד 6426 דזשיי.

(9643-2-19

ערשט־קלאסיגער סינגער, העברייאי־שער שעף זוכט א פלאץ אין א האטעל, קלוב, אין שטאדט אדער אויסער'ן שטאדט שרייבען באקס 152.

(9637-2-19

צו פאררענטען

צו פאררענטען אן אפ־טו־דייט פלעט פון 4 רומס מיט אלע באקוועמליכקייטען. יעצט לייזיג. פרעגען 7 בארדען סטריט.

(9626-2-19

צו פארענטען 2 סעפערעט פארנישד רומס, אלע קאנוויניענס. 446 קראפארד סטריט. טריניטי F 1358.

(9624-2-18

צו פארענטען א פלעט מיט א סטאר, פאסיג פאר א גראסערי אדער בוטשער שאפ, טיילד וואנט, מארבעל קאנטערס, אדער פאר מאנופעקטשורינג. — גלייך נאכפרעגען 179 מיקאל סטריט.

(9623-2-16-17-18-21

צו פארענטען א סאליד בריק, 10 רומיגע הויז, שאה סטריט, סעלער דורכ־אוים, הארדוואוד איבעראל, גאראדזש פאר 2 גרויסע טראקס. מעסיגע רענט. טעל. קינגסדייל 4639.

(9542-2-12-14-18

צו פארענטען א קאמפליט מאנופעק־טשורינג ספייס אין טאוער בילדינג אויף דעם 5־טען פלאר, אלעס אויסגעפיקסט אן מאשינען. גוט פאר אלערליי מאנו־פעקטשורינג. ביליג רענט. פאקס אדער קרעפער. עדעלייד 8253.

(9652-2-22

צו פארענטען 2 שעהנע רומס, קאנ־וויניענס, טעלעפאן, הארדוואוד, ווארים גאראנטירט, שוין איבערצונעהמען. פרע־גען 35 בעלוויו עוו.

(9651-2-19

צו פארענטען 2 אדער 3 רומס מיט פריוועט באר און שאוער, אלע קאנווי־ניענס, סטים היט אין א נייער מאדערנער היים. פרעגען ביז 6 אווענט 35 נעסאו סטריט.

(9641-2-19

אקאונטענט־בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.

א. א. גאלדענבערג

75 האמוואוד דרייוו

הילקרעסט 7504 W

פאטראנייזט די איינציגע אידי־שע ווינדאו קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאר־כען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 בעי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי M 6520

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
427 BAY ST

קאנגא
מעדיצינען

לוידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. לוידט איהר פון רהומא־טיזם, שטייפע גלידער, רייבט זיך איין מיט קאנ־גא, לינימענט. צו באקר מען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שי־קען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

לוידט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטע טראס און גוט צוגעפים, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברי־דער. זיי זיינען די איינ־ציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

נייעס ביי אונז אין שטאדט

דר. הורוויטש היינט אווענט ביי מאונט סיני ליידיס אוקזילערי מיטינג

די מאונט סיני האספיטאל ליידיס אוקזילערי וועט היינט אווענט ביי איהר מיטינג אין ציון אינסטיטוט האבען דר. ס. ב. הורוויטש אלס גאסט־רעדנער. דר. הורוויטש, אן אויסגעצייכענטער אידישער רעדנער, וועט זיכער געבען אן אינטערעסאנטען פארטראג, און אלע מיט־גלידער ווערען געראטען צו קומען און ברענגען זייערע פריינט.

די אוקזילערי גרייט זיך שטארק צו דער טעאטער נאכט, וואס זיי וועלען דורכפיהרען דעם 28־טען מערץ. פריינט־ליכע ארגאניזאציעס ווערען געבעטען ארויסצוהעלפען אין דער אונטערנעה־מונג.

מארגען צווייטער יערליכער "פראקאר" באזאר און טאנץ

די הכנות צום צווייטען יערליכען באזאר און טאנץ פון "פראקאר", וואס קומט פאר פרייטאג און שבת אווענט, דעם 19־טען און 20־טען פעברואר אין דער "באראכאוו ארבייטער־היים" אויף ספעדיינע עוועניו, זענען שוין כמעט פאר־ענדיגט. דער ספעציעלער קאמיטעט, וואס פארנעהמט זיך מיט דער צוגרייטונגס־ארבייט האט געזארגט, אז די באזוכער זאלען האבען אלע באקוועמליכקייטען. די ביידלאך וועלען זיין אזוי איינגעארדענט, אז דאס טאנצען וועט ניט שטערען די קונים צו קויפען די הונדערטער ארטיק־לען — און ווי באקאנט — פאר שפאט־ביליגע פרייזען.

אויסער דעם דארף מען געדענקען, אז די גאנצע איינגאמע פון דעם באזאר איז באשטימט פאר דער אידישער קא־לאניזאציע און אינדוסטריאליזאציע אין ראטען־פארבאנד.

עס איז דאריבער אן אונטערנעהמונג וועלכע איז ווערט צו באזוכען.

טרייסט רעזאלוציע

די בעאמטע און מיטגלידער פון דער
קיעלצער סיק בענעפיט סאסייטי
דריקט דערמיט אויס איהר הארצי־גען טרייסט צו ברודער
אברהם ראטשטיין
אויפ'ן פארלוסט פון זיין זוהן
מתתיהו ראטשטיין ע"ה
זאל אייער איבערגעגעבענע אר־בייט פאר אונזער פאראיין זיין א טרייסט אין אייערע שווערע מינו־טען און איהר זאלט מעהר פון קיין צער ניט וויסען.
י. רובינאף, פרעזידענט.

זייט געטרייסט

מיר די
קיעלצער סיק בענעפיט סאסייטי
שיקען אונזער הארציגען טרייסט צו אונזער מיטגליד
י. הווירשמאן און פאמיליע
אויפ'ן פארלוסט פון זייער ליבער פרוי
עלקע הווירשמאן ע"ה
געפינט אייער טרייסט אין דער ארבייט פאר אונזער פאראיין און זייט אפגעהיט פון צער. געהמט אן אונזער טרייסט און מיטגעפיהל.
י. רובינאף, פרעזידענט.

היט אייער געזונט

פונקט'ווי וויכטיג עס איז א גוטער דאקטאר, איז נאך וויכטיגער, אז די פרעסקריפשאן וועלכע דער דאקטאר גיט זאל ריכטיג געמאכט ווער־רען פון א קאמפעטענטען דראגיסט.

ראטבארט
דער ראיעלער דראגיסט.
טעלעפאנירט אונז. מיר שיקען נאך אייער פרעסקריפשאן און דעליווערען ניט אכטענדיג אין וועלכען טייל פון שטאדט איהר וואוינט.
מעסיגע פרייזען.
שנעל, ראיעל, פינקטליך.
ראטבארט'ס דראג סטאר
קארנער דאנדעס און אגוסטא עוועניו.
נייער טעלעפאן:
עדעלייד 6201
676 קווין סטריט וועסט — טריניטי 1487

פארוואונדעטער ביים אויפרייס אין אוניווערזיטעט לאבא־ראטאריע געשטארבען

וו. א. וואוד, דער סטודענט, וואס איז געפעהרליך פארוואונדעט געווארען ביים אויפרייס אין דער כעמישער לאבא־ראטאריע פון טאראנטא יוניווערסיטי מיינינג בילדינג, מאנטאג נאכמיטאג, איז נעכטען געשטארבען.

באלד ווי ער איז צוגענומען געווא־רען אין האספיטאל, איז אויסגעדריקט גע־ווארען א מיינונג, אז ער האט זעהר שוואכע שאנסען צו בלייבען לעבען. דאך איז אלץ געטאן געווארען איהם צו רא־טעווען. א צאהל בלוט איינשפריצונגען זענען איהם געגעבען געווארען. זיינע חברים, סטודענטען, האבען גרייט געגע־בען זייער בלוט.

נעכטען ביינאכט איז איהם פלוצ־לונג געווארען ערגער און ארום 10 א זייגער בייטאג איז ער אויסגעגאנגען.

דער צווייטער שווער פארוואונדע־טער סטודענט ה. ט. רייט, בעסערט זיך ביסלאכווייז און מען דערווארט, ער זאל געזונט ווערען.

באלאטס פון לעצטע עלעק־שאנס זענען נעכטען פאר־ברענט געווארען

שטילערהייט און גוט באוואכט איז נעכטען דורכגעפיהרט געווארען די ערנ־סטע און געהיימניספולע צערעמאניע פון פארברענען די באלאטס, וואס זענען אפ־געגעבען געווארען אין די לעצטע מוניצי־פאלע וואהלען.

אכט און פערציג פשוט'ע קאליר־לאזע זעק, צוויי מאל אזוי די גרויס ווי קארטאפעל זעק, אנגעפאקט מיט די בא־לאטס, זענען ארויסגעפיהרט געווארען נעכ־טען פון סיטי האל און אונטער א שטרענ־גער וואך זענען זיי איבערגעפיהרט געווא־רען צום שטאדטישען איוועו, וואו זיי זענען פארברענט געווארען.

דאס געזעץ פאדערט, אז די בא־לאטס זאלען געהאלטען ווערען א געוויסע צייט. נעכטען האט זיך דער טערמין גע־ענדיגט.

אינטערנאציאנאלער טשעק־פעלשער געזוכט אין טאראנ־טא און ארעסטירט אין מאנטרעאל

די היגע פאליציי האט נעקראגען א ידיעה פון מאנטרעאל, אז דארט איז פארהאלטען געווארען מארים אלאבאס־טער, אדער הערבערט מ. טעילאר, וואס איז געזוכט געווארען פון טאראנטאר פא־ליציי פאר א לענגערע צייט.

אלאבאסטער, דוקא א נארדיק, אן ענגלישער, איז א בארימטער קינסטלער אויף פעלשען טשעקס און ווערט געזוכט פאר שווינדעל אין פארשידענע לענדער. פאר־א־יאהרען איז ער געווען טעטיג אין טאראנטא. נעכטען איז ער ארעסטירט געווארען אין מאנטרעאל, און מאנטרעאל וועט זיך טיילען מיט טאראנטא מיט דעם ארעסטירטען.

דרייווער און אויטאמאביל פארשוואונדען נאכ'ן צווא־מענשטויס

צוויי אויטאמאבילען האבען זיך צו־זאמענגעשטויסען אויף דענפארט עוועניו. ווען דער רויך און טומעל האבען זיך איינגעשטילט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויפ'ן פלאץ איז געבליבען בלויז איין אויטאמאביל און א פרוי אין איהם.

דער צווייטער אויטאמאביל מיט זיין דרייווער, און א מאן מיט א הינטעל, וואס מען האט א מאמענט פריהער גע־זעהן אין דער פארבליבענעם אויטאמא־ביל, זענען פארשוואונדען.

מיס ווערא ניקא לאנגלאו, וואס איז געזעסען אין דעם אויטאמאביל איז גע־נומען געווארען אין פאלים סטיישאן און מען האט איהר באשולדיגט אין טרייבען א קאר שיכור'ערהייט. ווען מען האט בא־מערקט, אז איהר פנים איז פארוואונ־דעט, האט זי צום אנהויב נישט געוואלט געהן אין האספיטאל, און מען זאל די וואונדען באהאנדלען.

עס איז דאך געלונגען איהר איינ־צורייזען, און פון האספיטאל האט מען זי צוריקגעפיהרט אין פאלים סטיישאן.

זי האט דערקלעהרט, אז דעם מאן, וואס איז געזעסען אין איהר קאר, קאן זי נישט, זי האט איהם געגעבען א רייד, ווען ער האט איהר דערזעהן פארבייפאהרענ־דיג און עס איז געבעטען. דעם דרייווער פון צווייטען אויטאמאביל קאן זי אויך ניט. האט מען איהר פארהאלטען.

ארעסטירטער פאר זיין שיכור דערצעהלט אז מען האט איהם געשטאכען

וועסלי באטי, פון נארטומבערלאנד סטריט, איז ארעסטירט געווארען אין גאס פאר זיין שיכור. אין פאלים סטיישאן האט ער דערצעהלט, אז אימיצער האט איהם געשטאכען. ווי עס האט זיך ארויס־געוויזען, האט ער טאקע געהאט א וואונד פון א מעסער אין לינקען זייט. די פאלי־ציי האט איהם באגלייט אין וועסטערן האספיטאל, וואו מען האט באנדאזשירט זיין וואונד.

וואו, ווער און ווי אזוי האט איהם געשטאכען איז פונדעסטוועגען נאך נישט קלאר, און די פאליציי האט איהם פאר־האלטען אונטער דער געמאכטער קלאגע.

כאפט א גנב נאך א געיעג איבער פלויטען

די פאליציי האט נעקראגען א ידיעה פון דער מעקיוואר בראס. וועירהויז, אז צוויי יונגעלייט האבען זיך איינגעבראכען אהין און האבען זיך אפגעטראגען מיט עטליכע פעקלאך סחורה. מען האט זיי גע־טראפען ביי דער ארבייט, אבער זיי איז געלונגען צו אנטלויפען מיט דער גנבה.

אין אווענט האט א דעטעקטיוו גע־טראפען אויף קינג סטריט דעם 20 יאה־ריגען דזשאזעף פארמער פון מאנרא סטריט, מיט פעקלאך. דער דעטעקטיוו האט זיך געלאזט צו איהם. פארמער האט אראפגעווארפען זיינע פעקלאך און איז אנטלאפען.

נאך א געיעג איבער פלויטען, הויפען און ליינס, האט דער דעטעקטיוו איהם דאך געכאפט.

שפעטער איז ארעסטירט געווארען זיין שותף, וויליאם בראון, וועלכער ווערט אויך באשולדיגט אין גנב'ענען זעקס אויטאמאביל טייער'ס און עטליכע טיובס.

ארענדזש פעקא בלענד
"SALADA" TEA
„פריש פון די גערטנער"

אויף די בלוטיגע ברעגען

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

מענטאריער און דער סאראקער סענאטאר יאוו (א קריסט) וואס געהערט צו דער רעגירונגס־מעהרהייט, האט געשיקט דער דעמאקראטישער צייטונג "אדעווערול" פאלגענדע טעלעגראם: "איך פראטעס־טיר געגען דער סאראקער שחיטה. איך האלט די 6 קרבנות פאר 6 פלעקען אויפ'ן געזיכט פון רומעניען".

די רעגירונג אבער האט געמאכט גאר אנדערע אויספיהרען. אנשטאט צו אונטערנעהמען אן אביעקטיווע און אלזייטיגע אנקעטע און אויפקלעהרען די שול־דיגע אין דעם בלוטיגען מארד, האט מען זיך באהאלטען אונטערן אויסרעד, וועגען דער רויטער געפאהר אין בעסאראביען און מען דראהט איינפיהרען באלאגערונגס צו־שטאנד אין דער גאנצער געגענט, וואס ליגט 20 קילאמעטער ווייט פון דער גרע־נעץ, בתוספ אויך קעשענעוו. מיט וואס דאס שמעקט פאר דער טעראריזירטער בעסאראביער באפעלקערונג איז זיך לייכט פארצושטעלען. מען האט די לעצטע פאר יאהר אביסעל פארגעסען אין דער ווילקיר פון אויסנאהמס געזעצען, וויל מען איצט אין א צייט פון ביטערען קריזיס ווידער איינשפאנען מיליאנען מענשען אין יאך פון מיליטערישע רעזשימען.

די קלאגען, אז די רעגירונג האט בדעה איינצופיהרען באלאגערונגס־צו־שטאנד אין בעסאראביען, האבען ארויס־גערופען א שארפען פראטעסט פון דער רומענישער עפענטליכקייט און פרעסע, וועלכע זעהט אין דער דאזיגער מאסנאמע די גרינגשעצונג פון די אינטערעסען פון בעסאראביען.

די קעשענעווער "אונזער צייט" פאר־איינגט זיך נאמען פון דעם בעסאראביער אידענטום צו דעם דאזיגען פראטעסט און באמערקט: "קארג, הייסט עס, די אויס־נאהמס לאגע און וועלכער מיר געפינען זיך דא די גאנצע צייט, קארג דער ווילקיר וואס הערשט אין דער דאזיגער פראווינץ, וויל מען נאך אז עס זאל אפילו ניט גע־הערט ווערען קיין שטים פון פראטעסט. עס זאל אונטער דער בייטש פון באלא־גערונגס צושטאנד דערשטיקט ווערען יע־דע פרייע מיינונג, עס זאל ניט קומען צום אויסדרוק די פארביטערונג געגען דער רע־גירונג, וועלכע וויל זיך ניט רעכענען מיט אונזערע נויטען און לעבענס אינטע־רעסען?'.

עס איז צו האפען, אז דאס מאל וועט מען קאנען "אפשרייען" און ניט דערלא־זען אז דער סאראקער מארד זאל פיהרען צו א נייער פארשקלאפונג פון בעסארא־ביען. עס איז אבער קלאהר, אז די רעגיע־רונג וועט בשום אופן ניט אויפדעקען דעם פארהאנג איבער דער סאראקער טראגעדיע און אז אויך דאס מאל ווי פריהער וועט דער רויטער סמבטיון ניט אנטפלעקען זיינע בלוטיגע סודות...

(איטא)

זאגען א ליגען איז א זינד

(פרומע פארזעצנע מיידעל שעה־מעווריג): — א דזשענטעלמאן האט מיר נעכטען געזאגט, אז איך בין א גרויסער פארשוין. דענקט איהר, אז איך האב גע־זינדיגט ,ווען איך האב זיך געפיהלט אבי־סעל שטאלץ און געשמייכעלט פון זיין קאמפלימענט?

פרעדיגער: — ניין, מיין קינד. דו האסט ניט געזינדיגט. געזינדיגט האט דער דזשענטעלמאן...

געמישטע הייראטען ביי אידען אין די פראווינציעלע שטעדטלאך

(פארזעצונג פון פיידוש 5)

דאס וואס איהר ווילי רופט איהר צו זיינע עלטערען אין הויז איז אויסערארדענטליך. געלאסען, דרך־ארצ'דיג, האבען די שטוב מענשען פארפיהרט מיט איהר א געשפרעך ביז מען איז צוגעקומען צו דאס איינגענטליכע, נאך וואס מען האט נאך איהר געשיקט און אויך זי האט קאטאגא־ריש מיט אויגען פול מיט טרעהרען ער־קלעהרט אז אהן ווילין וועט זי ניט און קאן ניט לעבען.

פון די געשפרעכען מיט איהר האט מען ערפאהרען אז שוין מעהר פון א יאהר ווי זיי ליבען זיך און אז איהרע עלטערען אין די ליבע גוט באוואוסט און זיי זיי־נען פולשטענדיג מסכים צום שידוך, בתנאי ביידע זאלען בלייבען ביי זייערע אמונות, איינער זאל ניט ארויפצווינגען אויפ'ן צווייטען זיין אמונה.

האט מען אין דער התחלה פרובירט אנווענדען אלע מעגליכקייטען איבערצו־צייגען זיי אז פון אזא געמישטע הייראט קאן שפעטער קיין גוטס ניט ארויסקומען, פריהער אדער שפעטער וועלען זיי אויס־געפינען דעם גרויסען קאנטראסט וואס צושיידט זיי ביידען, האבען ביידע מיט קיין ווארט ניט אפגעענטפערט, ווי שטו־מע זיינען זיי געשטאנען איינער נאהענט צום צווייטען און בעת ווילים עלטערען האבען באנייט זייערע געוויינען האט ווילי א טויט בלאסער געווענדעט זיך צו זיינע עלטערען, זיי זאלען אויפהערען וויינען, ווייל מארגען וועט ער שליכטען דאס גאנצע עסק און מאכען א סוף צו דעם פלאנטער.

האבען די הויז מענשען אנגעהויבען בעטען ווילין ער זאל זיי זאגען אויף וואס פאר אן אופן ער וועט דעם פלאנטער אויספלאנטערען האט ווילי אין ענגליש געווענדעט זיך צו זיין מיידעל: היות ווי זיינע עלטערען זיינען דורכאויס ניט מסכים צום שידוך וועט ער מארגען מא־כען א סוף צו זיין לעבען.

און דא האט זיך ארויסגעוויזען ווי ווירקליך טיעף זייער ליעבע איז ביי זיי שוין אין די הערצער געווען איינגעבאקען, נאך זיין ערקלעהרונג, האט די ניט אידי־שע מיידעל צוזאמענגעבראכען און א וויי־נענדיגע געבעטען זיך ביי ווילי אז זי וויל כאטש שטארבען צוזאמען מיט איהם און האט רחמנותדיג געבעטען איהם צו באגעהן דעם זעלבסטמארד־טאט צוזאמען.

די ריהרענדיגקייט פון דער פאטע־טישער סצענע האט געמאכט אן אונגע־רען רושם אויף די הויז מענשען, האט מען פרובירט ווירקען אויף דער ניט אידי־שער מיידעל זי זאל כאטש צושטימען אי־בערצוגעהן צום אידישען גלויבען, האט זי לכתחילה ניט געוואלט מסכים זיין מחמת דאס וועט איהר צווינגען איבערצורייסען אלע באציהונגען מיט איהרע עלטערען און איהר משפחה און דאס האט זיך איהר שטארק ניט געוואלט, זעהענדיג אבער דעם צער און שטארקע יסורים פון ווילים עלטערען האט זי לסוף מסכים געווען, בתנאי מען זאל איהר גלייך שוין ערלוי־בען צו בלייבען אין הויז בכדי זי זאל ניט דארפען געהן צו איהרע עלטערען הויז וועלכע וועלען איהר פאזיטיוו פאריאגען, ניט וועלענדיג מסכים זיין אז זייער טאכ־טער זאל איבערגעהן צו דער אידישער אמונה.

פארטאג איז מען גלייך אוועקגעפאה־רען אין א דערבייאיגער גרויסער שטאדט, דארטען האט מען דער ניט אידישער טאכטער מגייר געווען, מען האט אין אווענט געשטעלט א חופה, די גיורת האט איבערגעריסען אלע באציהונגען מיט איה־רע עלטערען און משפחה און איז ער היום געבליבען א אידישע טאכטער, היט אי־דישקייט, בענשט ליכט, פיהרט א כשר'ע קיך, נעהמט אן אנטייל אין דער קליינער אידישער געזעלשאפט, רעדט אידיש ווי א סך אונזערע געבוירענע אידישע טעכ־טער, קומט יום טובים אין שוהל אריין, אזוי אז די אידישע פאמיליע פארגעסט אפט אז זייער שנור, שוועגערין, מוהמע קומט פון אן אנדער פאלק, פון אן אנ־דערער נאציאנאליטעט.

(ווייטערעס קומט)

דער סימפאנישער קאנצערט פון דעם 25־טען פעברואר

ווי מיר דערוויסען זיך האט די יוניאן פון די היגע מוזיקער זיך פאראינטערעס־סירט מיט'ן קאנצערט פאר די דעקלאסיר־טע אידען אין מזרח איירא̇פע. וואס וועט פארקומען דאנערשטאג דעם 25־טען פעב־רואר אין מעסי האל און האט באשלאס־סען צו פארגרעסערען דעם ארקעסטער, וואס וועט ארויסטרעטען אויפ'ן קאנצערט פון 40 פערזאן אויף זעכציג.

בילעטען צו באקומען אין אפיס פון דאראטי דווארקין 125 דאנדעס וועסט.

עמיגראציע פון קאנאדע נאך אמעריקע, שטארק געפאלען

וואשינגטאן, פעב. 16.

די איינוואנדערונג קיין אמעריקע פון קאנאדע איז געפאלען אויף 77 פרא־צענט איז פארלויף פון דעם יאהר 1931, אין פארגלייך מיט'ן פריהערדיגען יאהר, אזוי לויטעט א באריכט וועלכען דער דע־פארטמענט אף לייבאר האט ארויסגעגע־בען. בסך־הכל זענען דורכ'ן יאהר אריינ־געקומען 32 טויזענט קאנאדער איינוואוי־נער צו באזעצען זיך אין אמעריקע.

דער באריכט צייגט אויך, אז פאר די פארגאנגענע 6 מאנאטען זענען 1,256 קאנאדער איינוואוינער וועלכע זענען אריינגעקומען אין אמעריקע ניט געזעצ־ליך, דעפארטירט געווארען. לויט'ן בא־ריכט איז אויך צו זעהן אז פאר יעדען אימיגראנט וואס איז דורכ'ן יאהר אריינ־געקומען קיין אמעריקע, זענען 2 ארויס־געפאהרען, בעת מיט א יאהר פריהער זע־נען 7 אריינגעקומען און יעדע 2 וואס זענען דעפארטירט געווארען.

איהר שפארט צייט
ווען איהר קאכט
אויף עלעקטריק

ערשטענס דערלויבט אייך די גלייכע זיך נישט ענדערענדע היץ צו קאכען אהן שטעהן איבער'ן אויוון און היטען אייער שפייז. איהר קענט אזוי אריינשטעלען אייער אווענט מאלצייט אין אינסולירטען אויוון. **מיט די אויבערשטע און אונטער־שטע היץ עלעמענטען,** אנשטעלען די סוויטשעס אויף דער פארלאנגטער היץ. און זיכערערהייט הנאה האבען פון א שעה אדער צוויי פרייהייט, ווען דער מאלצייט קאכט זיך

צווייטענס איז אן עלעקטריק רענדזש ריין! קיין סאזשע! קיין רויך! טעפ און פאנען דארף מען קיינמאל נישט רייבען פון דרויסען . . . ווייל עלעקטרישע היץ שמירט זיי קיינמאל נישט איין! נאך צייט איינגע־שפארט!

פארוואס זאלט איהר נישט באזוכען איינע פון די טאראנטא הידרא עלעק־טריק שעפער אדער אייער עלעקטריק דילער און האבען אן עלעקטריק רענדזש אינסטאלירט אין אייער היים? איהר וועט אפשפארען די צייט וואס עס שפארט אייך איין . . . און אייך מיט אייער פאמיליע וועט געפעלען די גע־שמאקערע שפייז, אזוי לייכט געקאכט אויף עלעקטריק.

ספעציעלע עלעקטריק רענדזש פרייזען

מיר צייגען עטליכע אנציהענדע מא־דעלס פון קאבינעט עלעקטריק רענ־דזשעס מיט א 25% רעדוקציע פון פריהערדיגען פרייז. אויסוואהל פון סטיילס און קאלירען. פרייזען פון $78.50 ביז $115.50.

לייכטע טערמס אויפ'ן רענדזש פרייז און אינסטאליישאן קענען באקומען טאראנטא הידרא עלעקטריק קאנסו־מערס.

TORONTO HYDRO-ELECTRIC SHOPS

יאנג סטר. ביי שוטער — 12 עדעלייד סט. איסט.
טעלעפאן עדעלייד 2261

Thursday, February 18th

SINGER BROS.
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. E.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

שוין צייט מען זאל אונז זעהן אין ריכטיגען געשטאלט

עס איז געווען א צייט ווען די אידען אין טאראנטא האבען געליטען פון דער מכה "בוטליינער". דאס איז געווען אין די יארען, אין וועלכע דער שנאפס פארקויף אין אנטאריא איז געווען פארבאטען.

אזוי שנעל ווי דאס געזעץ איז ארונטערגענומען געווארען פון די סטאטוטען, האבען מיר אויפגעהערט צו ליידען פון דעם.

אין יענער צייט האבען מיר קיין מורא ניט געהאט מוטיג צו זאגען און צוגעבען, אז מיר, אלס אידען, אלס א מינדערהייט אין טאראנטא, האבען צווישען זיך "בוטליינער". אבער ווייט ניט אין קיין גרעסערער פראצענט אידער אין פארגלייך מיט דער ניט־אידישער באפעלקערונג פון שטאדט און פראווינץ. מען האט אבער דעם אידישען ישוב געשטאכען די אויגען מיט אידישע "בוטלייגער", בלויז דערפאר, וואס די אידען האבען זיך אליין געווארפען אין די אויגען און אויך צוליעב דעם. וואס די פאליציי איז "טעטיגער" געווען אין יענער צייט אויף דער אידישער גאס, אידער אויף דער ניט־אידישער. מיר האבען אבער ניט נאר צוגעגעבען, נאר אויך געקעמפט געגען זיי.

מיר זאגען דאס, אום צו ווייזען, אז מיר, אלס אידען, האבען קיינמאל ניט געזוכט צו באהאלטען אונזערע מכות, אז מיר האבען זיך קיינמאל ניט ארויסגעשטעלט פאר דער וועלט אלס די ריינסטע פון די ריינסטע. פארקערט. מיר האבען צוגעגעבען. אז מיר זענען גלייך מיט אלע ציוויליזירטע פעלקער אויפ'ן געביט פון איבערטרעטען דאס געזעץ. מיר זענען ניט קיין אויסנאמע. מיר זענען בלויז מענשליך. עס האבען זיך אפילו געפונען צווישען אונז אזעלכע וועלכע האבען מיט רעכט געזאגט, אז די אידען זענען "בארעכטיגט" צו א געוויסען פראצענט פון מענשען־אפפאל. פונקט ווי די אנדערע פעלקער. אבער אויף דעם ווילען מיר זיך יעצט ניט אפשטעלען.

מיר ווילען בלויז זאגען א ווארט וועגען די געשרייען איבער "אידישע פייערען".

עס איז ניט קיין נייעס, אז עס קומט אן אידען זעהר שווער צו באקומען פארזיכערונג געגען פייער. איינינע פייער פארזיכערונג געזעלשאפטען האבען אפען דערקלערט, אז אידען ווילען זיי ניט פארזיכערען געגען פייער. געגען אזא אפענער דיסקרימינאציע איז זאגאר אריינגעבראכט געווארען א פראטעסט אין דער לעגיסלאטור פון אנטאריא.

פאראן געסען אין טאראנטא, וועלכע ווערען באוואוינט פון אידען, וואו מען קען איינפאך ניט באקומען קיין פארזיכערונג אויף מעבעל געגען פייער. אמת, אויף די דאזיגע געסען זענען עטליכע מאל פארגעקומען פייערען. ווען מיר זאלען אפילו צוגעבען אז די פייערען זענען ניט געווען קיין אומגליקספאלען. וואס־זשע איז פון דעם געדרונגען? ווייניג ניט־אידען זענען עפענטליך אנגעקלאגט געווארען געריכטליך פאר מאכען פייערען, באקומען דען דערפאר די ניט־אידען קיין פארזיכערונג ניט?

א גאר גרויסער וועזען איז געמאכט געווארען מיט איינינע ארעסטירטע אידען, וועלכע זענען פארמישט אין א געוויסען פייער. אבער דאס איז דער זעלבער וועזען און דער זעלבער געשריי ווי אידישע "בוטלייגער" אין צייט פון שנאפס פארבאט.

מיר ווילען באטאנען, אז דערמיט ווילען מיר ניט בארעכטיגען און געוויס ניט שיצען קיין פייער מאכער. געוויס איז יעדער ערליכער און אנשטענדיגער איד מיט'ן גאנצען הארצען געגען אזעלכע פארברעכער און אויב אזעלכע געפינען זיך צווישען אונז. דארפען זיי אויף ווי ווייט מעגליך אויסגעראטעט ווערען. זיי דארפען ניט נאר געזעצליך. נאר אויך סאציאל פארפאלגט ווערען. זיי טארען ניט געדולדעט ווערען אין קיין אידישער געזעלשאפט.

די גרויסע מערהייט אידען אין טאראנטא זענען מוסטער בירגער פון ערליכקייט און אנשטענדיגקייט, ארבייטסזאמע ארבייטער און ערליכע געשעפטסלייט. און אלס אזעלכע לעבען זיי אין קאנאדע. און עס איז שוין די העכסטע צייט די ניט־אידישע וועלט זאל אונז אלס אזעלכע באטראכטען.

עס רייסט שוין די אויגען

לעצטענס איז די טאראנטאר פאליציי געווארען שטארק טעטיג אויפ'ן געביט פון אפהיטען דעם זונטאג געזעץ. קאנפעקשיאנערי סטארס, אייז קרים פארלארס און רעסטאראנען ווערען פון פאליציסטען באוואכט יעדען זונטאג. און אויב מען כאפט אימיצען פארקויפענדיג א פעקעל סיגארעטען, ווערט יענער געשלעפט אין געריכט און באשטראפט.

די לעכערליכקייט פון דעם האט שוין דערגרייכט צו אבסורדען. מען שלעפט מענשען אין געריכט פאר פארקויפען פאר פינף סענט "קענדי" צו א קינד זונטאג. אין דער צייט ווען עס ווערט דערלויבט צו פארקויפען געזאלין, אויל און זאגאר ארבייטען ביי אויטאמאבילען. אין דער זעלבער צייט שלעפט מען א מענשען אין געריכט. ווייל ער האט פארקויפט א פונט צוקער אדער אנדערע גראסערי ארטיקלען.

עס האט שוין אזוי אויפגערודערט די עפענטליכע מיינונג. אז אפילו די "איוונינג טעלעגראם", וועלכע אגיטירט זעהר שטארק פאר "בלויע" זונטאג געזעצען, איז ארויסגעקומען עדיטאריעל מיט אן איראנישער באמערקונג. אז אויב די טאראנטאר פאליציסטען האבען שוין מער גאר ניט וואס צו טאן. ווי זעהן כאפען א "סטארקיפער" פארקויפענדיג א סיגאר אדער א פונט צוקער. איז שוין די העכסטע צייט דער פאליציי דעפארטמענט אין טאראנטא זאל רעדוצירט ווערען. און די בירגער זאלען אויף אזעלכע זאכען קיין געלט ניט אויסגעבען.

דאס זאגט די "טעלעגראם" און ווען זי זאגט עס שוין, איז א סימן, אז די אקציע פון דער פאליציי איבערשטייגט די העכסטע נארישקייט.

מען קען זיך אויך פארשטעלען ווי ווייט עס רייסט שוין די אויגען, אז אפילו די "טעלעגראם" קען עס שוין ניט ליידען. איז עס ניט די העכסטע צייט, אז די דאזיגע "בלויע" זונטאג געזעצען זאלען אין גאנצען אפגעשאפען ווערען?

סאציאליזם

(טעגליכע שמועסען)

פון יצחקי

סאציאליזם, זאגט מען, איז א גאנץ פיינע זאך. אלע ארבייטער און זייערע פריינט זענען געוועהנליך סאציאליסטען. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו דער רעדאקטאר פון א גרויסער ניו־יארקער אידישער צייטונג, זאגט אויך אז ער איז א סאציאליסט...

אמאל איז סאציאליזם גאר געווען אין דער מאדע, נאר היינט, זאגט מען, איז עס געווארען אביסעל "דאסיג", איז עס געווארען.

הכלל, בין איך מיט אייך מסכים, אז סאציאליזם איז טאקע א שעהנע זאך, נאר וואס זשע דען, עפעס איז פאר מיר איצט געווארען ניט קלאהר וואס איז עס אזוינס סאציאליזם. זינט דער באריםטער סאציאליסט רעמזי מעקדאנאלד האט געמאכט זיין בארימטען סטייטמענט וועגען דער אנטאריאר רעגירונג, שטעהט פאר מיר די פראגע: "וואס איז אזוינס סאציאליזם?"

איך איז עפעס באקאנט די מעשה מיט דעם דאזיגען סטייטמענט? אויב ניט וועל איך עס אייך דערצעהלען.

אדרעסירענדיג מיט עטליכע וואכען צוריק א פארזאמלונג פון די טאראנטא'ר בני־ברית, אין קינג עדווארד האטעל, האט אונזער פראווינציעלער פרעמיער האנ. דזשארדזש ס. הענרי, דערצעהלט דאס פאלגענדע טשיקאווע מעשה'לע:

ווען מעקדאנאלד האט, מיט א פאר יאהר צוריק באזוכט טאראנטא, האט ער, ריידענדיג וועגען דעם אונטערשייד צווישען סאציאליזם און קאנסערוואטיזם און אפשטעלענדיג זיך באזונדערס וועגען דער פראווינציעלער רעגירונג פון אנטאריא, געזאגט אזוי:

"איהר רופט דאס אן א קאנסערוואטיווע רעגירונג, אבער אויף מיין עהרען־ווארט, איך דענק, אז עס איז די סאמע פארטגעשריטענע, די סאמע סאציאליסטישע, די סאמע ראדיקאלסטע רעגירונג אין דער בריטישער אימפעריע".

פון דעם איז, אלזא, אנגענומען, אז אונזער פראווינציעלע רעגירונג איז ניט קיין קאנסערוואטיווע, נאר זי איז די סאמע סאציאליסטישע אין דער בריטישער אימפעריע. אבי די דעפוטאציע פון ארבייטסלאזע וועלכע איז היינטיגע וואך אויפגענומען געווארען פון'ם פרעמיער האט איהם פארגעווארפען הלמאי ער זוכט ניט צו העלפען די ארבייטסלאזע אין אנטאריא.

איך בין דא ניט אויסען צו שטעלען די גוטהארציגקייט פון אונזער פרעמיער אונטער א פראגע־צייכען, אדער בכלל צו דיסקרעדיטירען אונזער פראווינציעלע רעגירונג. וואס איך בין אבער יא אויסען איז צו דערצעהלען אייך וואס עס הייסט א מאדערנע אויסטייטשונג וועגען סאציאליזם.

ניט אומזיסט פאסט זיך מעקדאנאלד אזוי גוט אריין צווישען באלדווינס קברה...

* * *

אנטקעגען וואס האב איך עס אייך דערצעהלט?

וועל, איך האב דערביי אין זינען געהאט דעם באריכט וועלכען איך האב, מיט א פאר טעג צוריק געלייענט פון אטאווא.

בלעטערענדיג א לאקאלע אווענט־צייטונג, האט זיך מיין אויג אנגעטראפען אויף א שטיקעל נייעס, וועלכע האט געטראגען איבער זיך דעם פאלגענדען איבערשריפט: —

"וואודסווארט וויל קאנאדע זאל ווערען סאציאליסטיש".

ווען איך האב איבערגעלייענט די נייעס איינגאנצען האט זיך אויסגעלאזען פון דער גאנצער מעשה א בוידים. די נייעס לויטעט, אז וואודסווארט גרייט זיך צו פארשלאגען א רעזאלוציע, אין פארלויף פון דער איצטיגער פארלאמענטארישער סעסיע, וועלכע זאל ארויפברענגען די פראגע פון סאציאליזם צו דיסקוטירט ווערען.

אין אנדערע ווערטער מיינט עס, אז וואודסווארט וויל בלויז דיסקוטירען די דאזיגע פראגע, אבער חלילה ניט, אז סאציאליזם זאל שוין, באלד, אין אונזער צייט, איינגעפירט ווערען אין קאנאדע.

דיסקוטירען — מהיכא־תיתא, אבער איינפיהרען — דאס ניט!

* * *

טראכט איך: צו וואס דארף וואודסווארט זיך נעהמען די גאנצע טרחה וועגען דיסקוטירען סאציאליזם. סיי ווי האבען מיר דאך אן אמת־סאציאליסטישע רעגירונג דא. ווארים איינגענטליך איז דאך ניטא קיין פאליטישער אונטערשיד צווישען דער פעדעראלער און דער פראווינציעלער רעגירונג פון אנטאריא, און אויב די לעצטע איז הונדערט פראצענט סאציאליסטיש, לויט דער מיינונג פון רעמזי מעקדאנאלד, דאן איז דאך די ערשטע אויך אזוי.

טא, צו וואס זשע די סאציאליסטישע דיסקוסיע? דער ענטפער אויף דעם איז, וואס דער באגריף פון סאציאליזם איז היינט נעבעך געווארען אזוי צושוואומען, וואסערדיג, אז עס איז באמת שווער צו אונטערשיידען צווישען סאציאליזם און קאנסערוואטיזם.

צוליעב דעם האב איך אויבען געשטעלט די פראגע: "וואס איז אזוינס סאציאליזם?" מענשען זאגען, אז עס איז א פיינע זאך. אבער די פראגע איז: — וואס איז עס?

אויף די בלוטיגע גרענעצן פון דעם רויטען סמבטיון

(א בריעף פון רומעניען)

פון י. יעווין

דער לאנגיעריגער אדמיניסטראטיווער ווילקיר אין דער דניעסטער געגענט — די סאראקער טראגעדיע. — ווער זיינען די 6 דערשאסענע? — אריינגענארט און אומגעבראכט ווי שאף. — דער אביעקטיווער קאמוניקאט פון דער רעגירונג. — דער מיניסטער ווארפט אפ דעם פארשלאג וועגען א געמישטער אויספארשונגס קאמיסיע. — וועט די רעגירונג ערפילען איהר דראהונג איינפיהרען באלאגערונגס־צושטאנד אין בעסאראביען?

שטיל און אומעטיג, ווי אויף א בית עלמין, איז אויף די ברעגען פון דניעסטער. וואס טיילען אפ רומעניען פון ראטען רוסלאנד. דער גורל פון די בעסאראביער שטעדטלאך און גרעסערע פונקטען, ווי בענדער, כאטין, סאראקי און אקערמאן, וואס שטעהען הארט ביי דער גרעניץ איז זעהר א ביטערער. "דער האנדעל איז אפגעשטארבען. אלע פרנסות דערשלאגען און די גאנצע באפעלקערונג אין דער דאזיגער געגענט לעבט אין מורא־דיגען נויט.

פיעל שרעקליכער איז אבער דער אדמיניסטראטיווער ווילקיר, אונטער וועלכען עס לעבען די שטעדטלאך, וואס ליגען נאהענט צום דניעסטער. דער הפקר, וואס הערשט אין די דאזיגע פונקטען איז ניט צו בעשרייבען.

יעדער "קנעפעל" פיהרט זיך אויף ווי א זעלבסט הערשער און דאס גיט די מעגליכקייט, אז עס זאל פארקומען אזעלכע מיטעלאלטערישע עפיזאדען, ווי מיט א פאר יאהר צוריק אין בריטשאן. דער פאליציי־שעף פון דעם דאזיגען שטעדטעל האט געווארפען אן אומחן אויף דעם יוגענד־קלוב, וואו עס פלעגט זיך צוזאמענקלייבען די ארטיגע יוגענט. אין א שעהנעם אוונט האט דער דאזיגער פאמפאדור ארומגערינגעלט מיט זיינע אגענטען דעם קלוב, צומזיקט די אנוועזענדע יונגעלייט און בנוגע הי מיידלאך האט ער פאראדערט אונטערזוכען זייערע סמני בתולים. דער דאזיגער פאקט האט דערנאך אפילו ארויסגערופען אן אנפראגע אין פארלאמענט, אבער די רעגירונג האט זיך באמיהט צו דערשטיקען דעם דאזיגען סקאנדאל.

אלע רעגירונגס בעאמטע קומען אין דער דניעסטער געגענט מיט דער הייליגער מיסיע צו קעמפען מיט'ן בעסאראביער קאמוניזם און זעהען זיי אין דארום אן אנזאג פון דער קומענדיגער רעוואלוציע.

שטעלען פארצווייפעלטע פויערים א ווידערשטאנד די פיסקאל־אגענטען, אינסצעניר'ט מען א פראצעס וועגען אויפשטאנד, סטרייקען הונגעריגע בעלי־מלאכות אויס רייך עקאנאמישע סיבות, ארעסטירט מען זיי אונטער דער באשולדיגונג אז זיי זיינען מאסקווער אגענטען. אין יעדען אויסדרוק פון בירגערליכער אומצופרידענהייט זעהט מען דא קאמוניסטישע אינטריגען און די בעאמטע זייגען באשעפטיגט טאג און נאכט מיט אויסראטען די "קראמאלע" ביד חזקה...

אלס אילוסטראציע פון דער דעמאגאגישער לעגענדע, וואס שוועבט אין דער אומגליקליכער פראווינץ, קענען דינען דער ניט־לאנג פארגעקומענער "פוטש" אין בענדער און דער לעצטער שוידערליכער מארד אין סאראקי.

אין בענדער האבען, ווי אין פיעלע אנדערע שטעדט, געארבייט אין אונערטרעגליכע באדינגונגען נייטארינס. די בעל הבית'טע, איינע א סערעברינסקאיא, האט באהאנדעלט די מיידלאך ווי שקלאפען און אויסגעזויגען פון זיי דעם מארך פון די ביינער. ניט קענענדיג מעהרער איבערטראגען די דערנידערונגען און נויט, האבען די מיידלאך ערקלעהרט א סטרייק. די בעל־הבית'טע האט אבער פון גארניט געוואלט וויסען און אויפגענומען אנדערע ארבייטארינס. ווען די סטרייקענדע האבען געפרואווט ניט דערלאזען די סטרייקברעכער צו דער ארבייט האט די שניידערקע זיך געווענדעט צו דער פאליציי מיט א מסירה, אז די נייטארינס זיינען קאמוניסטקעס און פארנעהמען זיך מיט רעוואלוציאנערער טעטיגקייט. די מאכט האט לאנג ניט געטראכט. ארעסטירט די יונגע לייט און זיי איבערגעשיקט ביז'ן געריכט אין געפענגעניש אריין.

די מיאוסע אויפפיהרונג פון דער שניידערקע און פון דער פאליציי האבען אויפגערעגט איינינע יונגע ארבייטער, וועלכע זיך געלאזט צו דער פאליציי, כדי פראטעסטירען געגען דעם אומגעזעצליכען ארעסט פון זייערע חברים. אזוי ווי עס איז געשעהען אין א פייער־טאג, האבען זיי דארט קיינעם ניט געטראפען. וועלענדיג דאך מיט עפעס קומען צו הילף זייערע חברים, זיינען זיי געגאנגען אין געפענגעניש און געבעטען דעם פארוואלטער צו בעפרייען די ארבייטער. דער לעצטער, דערזעהענדיג פאר זיך א מנין אינגלעך, האט אנשטאט זיך אויסשרייען אויף די ווייסע חברה'ניקעס אויפגעהויבען אן אלארם און אויסגעשאסען אין דער לופט. די יונגנלייט זיינען זיך צולאפען און די פאליציי האט זיך געלאזט אויף דער יאגד און געכאפט אויף דער גאס מכל הבא בידם עטליכע און צוואנציג דורכגעהער, וועלכע מען האט באלד אריינגעזעצט אין תפיסה.

דער דאזיגער פאקט באוויזט ווי גרויס עס זיינען די אויגען ביים שרעק, און אז גאנץ אומשולדיגע זאכען ווערען אויפגעבלאזען אין אויפשטאנדען. אין בענדער אבער האט מען דעם "פוטש" אויפגענומען גאנץ ערנסט און פופצעהן יעהרינגע יונגנלייט שמאכטען נאך ביז יעצט אין געפענגעניש אונטער דער שווערער באשולדיגונג אז זיי האבען געוואלט באפאלען די טורמע און באפרייען די ארעסטירטע.

און איצט, די שחיטה אין סאראקי. דער מענשען־שמוגעל איבערן דניעסטער איז די לעצטע צייט זעהר ערשוועררט. דאך קומען אריבער קיין רומעניען פיעלע היימלאזע און מען דארף מיינען, אז אויך פיעלע אנטלויפען מיט דעם זעלבען וועג קיין רוסלאנד. ווי עס דערצעהלט די אפיציעלע מעלדונג, זיינען אין דער נאכט אויף שבת, דעם 9־טען יאנואר אין סאראקי דערשאסען געווארען בשעת'ן גנב'ענען די גרעניץ 6 יונגעלייט, וועלכע האבען ניט געפאלגט די ווארנונגס־סיגנאלען פון דער וואך.

די ידיעה סאראקער מארד האט ארויסגערופען פיעל קאמענטארען אין דער פרעסע. די אידישע און רומענישע צייטונגען האבען זיך ערקלעהרט ניט צופרידען מיט'ן קאמוניקאט פון דעם אינערן מיניסטעריום. מען שטעלט די פראגע, פארוואס האט די געשיכטע פאסירט נאר דוקא אין א געגענט, וואס איז שטענדיג באלויכטען פון ביידע זייטען און וואס איז לחלוטין ניט פאסיג פאר מענשען־שמוגעל. ווייטער איז מאדנע וואס דאס מאל האבען געפרואווט גנבה'נען די גרעניץ 6 מענשען בציבור, ווען תמיד ווערט דאס געמאכט איינציגוויזו. איבערראשענד פון אלעמען זיינען די רעזולטאטען פון'ם פאלמעסען, וואס באווייזען אז יעדען זיינען געמאכט געווארען צעהנדליגער שאסען פון פראנט אויף א נאהענטער שטרעקע אפילו מיט יאנד ביקסען. מען האט דאסנלייכען געפונען אין די קערפער שטיקער פון האנט גראנאטען. דאס אלץ שליסט אוים די ווערסיע, אז די אומגליקליכע זיינען אנטלאפען און צווינגט צו גלויבען אז מען האט די יונגענטליכע פשוט פארנארט אין א נעץ און אומגעבראכט ווי שאף.

און ווער זיינען די קרבנות? א חוץ דעם קאנטראבאנדיסט מיכאלאש זיינען די איבעריגע אלע אידען, ארבייטסלאזע, וועלכע האבען געזוכט גליק אין יענער זייט סמבטיון. זייערע נעמען זיינען: ש. פאפושע, א זעצער; רודמאן, א בלעכער; פריילין דערקאוצאן, א שניידערין, פריילין פערמאן, א לעהרערין פון בריטשעווא, און צעקיאנאוסקי (אומבאשטימטע פראפעסיע — טעלענעסט). די אפיציעלע ווערסיע, אז דאס זאלען געווען זיין קאמוניסטען אדער שפיאנען, ווערט איצט נאך דער געגויער אויספארשונג קאטעגאריש אפגעלייקענט.

איינע פון די קרבנות זעלדע פערדמאן, האט איבערגעלאזט איהרע עלטערען פאלגענדען הארציגען בריעף:

"מיינע טייערע עלטערען, איך ווייס אז מיין שריט וועט אייך ברענגען פיעל עגמת נפש. נאר איך האב קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט. איך בין נאך יונג און קען ארבייטען, אבער קיין ארבייט איז ניטא אין סאראקא וועל איך פארפאלען ווערען. א חוץ דעם קען איך ניט עסען דאס ברויט וואס דער טאטע פארהארעוועט מיט אזוי פיעל מיה. די וועלט איז ברייט און איך וועל ניט פארפאלען ווערען. איך ווייז אייך ניט אן וואוהין איך פאהר אוועק. ווי באלד איך וועל נאר געפינען ארבייט, וועל איך אייך שרייבען. איך קוש אייך אלעמען און איך ווינש אייך אלעס בעסטעס.

אייער זעלדע".

דער פינסטערער מארד אין סאראקי האט אויפגערודערט ניט נאר די אידישע נאר אויך די רומענישע עפענטליכקייט.

דער ארגאן פון דער בראטיאנו־פארטיי "וויטארול" ברענגט די סימפטאמאטישע ערקלערונג פון דער סיגוראנצע (פאליטישע פאליציי), אז זי נעהמט פון זיך אראפ וואס פאר א ניט איז פאראנטווארטליכקייט פאר דעם, וואס איז געשעהן ביים דניעסטער, ווייל דאס ארט, וואו דער מארד איז געשעהן געפינט זיך אין דער זאנע פון באלאגערונגס צושטאנד, וואס שטעהט שוין אונטער בלויזער מיליטערישער השגחה. פיעל קאטעגארישער זאגט זיך ארוים די דעמאקראטישע "דימינייאצא", "די ערשטע אפיציעלע נאכריכטען — שרייבט די צייטונג איז געווען, אז די יונגענטליכע האבען געוואלט אנטלויפען פון מיליטער דיענסט (נו, און די מיידלאך?) דעריבער האבען די סאלדאטען נאך דעם, ווי זיי האבען דריי געווארענט, געשאסען אין זיי". פון דער צווייטער זייט רעדען די עלטערען פון די דערשאסענע וועגען "אן עקזעקוציע אהן געריכט". עס ווייזט זיך ארוים, אז דער וואס איז באפאלמעכטיגט געווארען צו מאכען די אנקעטע וועגען דעם פאל אין סאראקי, האט זיך אנטזאגט אויפצונעהמען א דעלעגאציע פון שטאדט פארשטעהער אין שפיץ מיט א סענאטאר. פארוואס? און אז זיי האבען געהאט מיטצוטיילען ווי זיי באהויפטען — נייע פאקטען און באוויזען וועגען דער געשעהענער רציחה? איז דעם אנקעטע מאכער געווען אויפגעקלעהרט וועגען אלעמען אידער ער האט אנגעהויבען צו מאכען די אנקעטע אדער די זאך איז געווען קלאהר און דער פארשטעהער פון דער מאכט האט געהאט די שליחות צו דערשטיקען דעם סקאנדאל — היינט צו טאג א אינערליכען, מארגען אפשר מיט א וועלט־אפקלאנג?

דער אידישער פארלאמענטארישער קלוב האט אין דער פרעזאן פון דעם קישענעווער דעפוטאט אדוואקאט לאנדאו געפאדערט ביים מיניסטער א געמישטע קאמיסיע פון ציווילע און מיליטערישע פארשטעהער. דער מיניסטער האט די פאדערונג אפגעווארפען און באמערקט מיט א שמייכעל דעם אידישען פארשטעהער: "איהר רעדט ווי צד". דער דעפוטאט לאנדאו זעצט פאר די אנקעטע אויף אייגענעם פוס און די גאנצע אידישע באפעלקערונג שטעהט פארציטערט איבער די פרישע קברים פון די 6 אומשולדיגע קרבנות.

די רומענישע פרעסע פראטעסטירט שארף געגען דער ארט און ווייזע פון דער אונטערגענומענער אנקעטע און ווייזט אן, אז עס האנדעלט זיך פשוט וועגען א בלוט־דורשטיגען טאט פון אויסוואורפען אין מונדיר. "איינער — שרייבט די "די־מיניאצא" — פון די דערשאסענע האט געלעבט נאך עטליכע שעה. די מוטער האט געוואלט רעדען מיט איהם און מען האט זי ניט צוגעלאזט. פארוואס? האט דען די מוטער פון דעם ערגסטען מערדער ניט קיין רעכט זיך איבערצושמועסען צום לעצטען מאל מיט איהר קינד פאר דער טויט עקזעקוציע? און באזונדערס נאך מיט א יונג קינד, וואס איז שולדיג בלויז אין באגעהן אן איינפאכען פעלער".

די צייטונג פרעגט ווייטער: "אויב מען האט געוואוסט פריהער אז די יונגעלייט ווילען אנטערקריכען די וואך, פארוואס־זשע האט מען זיי ניט געכאפט פריהער? מען מוז אנקומען צום שיסען דאן ווען עמיצער כאפט זיך פלוצלינג, אבער אז מען ווייסט פריהער מיט עטליכע טעג וועגען אלעמען?" די שוידערליכע טאט ווי אזוי מען האט אכזריות'דיג פארנארט די יונגע לייט אין דער נעץ דערמאהנען אין די גוואלד־טאטען פון די גרעניץ וואכער אין דער צייט פון די היימלאזע און אינ'ם בלוטיגען פראצעס פון דעם סאדיסטישען אפיציר מאראעסקו, וועלכער האט געשעמ'ט אין דער דניעסטער זאנע אלס "דער רויטער שרעק".

די זעלבע פראטעסט שטימונג הערשט אויך צווישען די בעסאראביער פארלא־

(פארזעצונג אויף פייזש 3)

דזשאהן דער „פאטריאט"

(במקום פעליעטאן)

פון אברהמיל.

דזשאהן, דער פיינטער ארבייטסלאזער,
וואס זיצט ליידיג שוין צוויי יאהר,
איז א "וועטעראן" מיט קנעפלאך,
א בעל־חוב אויך ביז די האר...

זיין געזינד געהט אויס פון הונגער,
און מען בארגט ניט אין די סטארס,
בלויז שבתים מאכט זיין מיסעס
א פאר סענט פיי סקראבען פלארס...

ווייב און קינדער — ביי א שוועסטער
וואלגערען זיך אין א "רום",
וואו מען ווארפט זיי צו א ביינדעל,
ליידען זיי און שווייגען שטום...

נאר זיין שוועסטער דארף מען אויך שוין
באלד "עוויקטען" פון איהר שטוב,
און דאן אלע — מיט די טראנטעס
וועלען שנארען ברעדליין־סופ...

אבער דזשאהן פארלירט קיין מוט ניט.
ער — דער פלינקער — וועטעראן —
האט געקעמפט ביי שאטא־טיערי
געגען דייטש — פאר יעדען שפאן...

אמת, ערגעץ זיך פארשלאפען
האט זיין "באנוס" שוין צו־לאנג,
אבער היינט איז דאך א קריזיס,
מען מוז שטילען דעם פארלאנג...

אויף "פראספעריטי" שוין ווארט ער
טאקע "צוועלף מאל זעכציג טעג",
אבער פאטריאטען טארען
ניט אראפ פון גלייכען וועג!

דזשאהן פאר "הואווער'ס פראגראם פארטיג
איז צו געהן אין פייער אוש,
און ער טראגט דערוויל געדולדיג
פון דער נויט דעם שווער־באנאוש...

פאפולער איז שוין זיין נאמען
אין די "פלאפהייזער" פון שטאדט,
אין די עלי'ס אויך ניט זעלטען
דזשאהן זיין נאכטלעגער היינט האט.

דאך איז ער אויף "הונגער מארטשערס"
פול מיט גרימצארן און בייז,
און וואלט אלע "מאסקווער" רויטע
אויסגעדראפעט יעדען "פיים"...

וואו זאל הואווער נעהמען ארבייט
פאר די לציים. "דעמעט", היינט,
ווען עס שטעהען די פאבריקען,
הייזער זענען לאנג "פאר'פאינט"?

"אנעמפלאימענט אינשורענס"?
ווער דערפאר באצאהלען זאל?
ווייטער זאגט בפירוש הואווער,
אז א שאנד איז אזא 'דאל'!

בעסער איז שוין גלאט צו שנארען,
גוטע מענשען — פעהלען ניט, —
בעטעלט דזשאהן א "דיים" אויף קאפע
און ער שטילט זיין אפעטיט. —

אבער ניט מיט פראסטע קאפע,
נאר מיט "מונשיין" אויפ'ן ראג,
וואו א "סיגארעט געשעפטעל"
דאס פארקויפט איהם אהן א וואג.

דזשאהן א גרויסער "פאטריאט" איז
און באהאלט ניט יעדען סענט,
ווייל "פראטעזשירען ביזנעס"
הייסט דעם פאלק דער פרעזידענט.

יעדער קווארטער, וואס דער פיינטער
שנארעט צוזאמען אויפ'ן מארק
נעהט אויף שנאפס און ליולקע־טאבאק
ביידע זאכען זענען "שטארק"!

און דאס גיט איהם מוט צו זוכען
"פאטריאטיש־לייכטע" דזשאבס,
וועלכע זיך אויך "גוט באצאהלען"
סאי מיט טאבאק, סאי מיט שנאפס...

היינט א פעקטארי זוכט באים
צו באקעמפען פיקעט־לאינס,
מארגען שיקט מען ווידער רופען
איהם צו טראבעלס אין די מיינס.

אין א וואך ארום עלעקשאנס
קומען אין א שטעדטעל פאר
מוז א קאנדידאט דארט האבען
שטארקע — אין א היבשען סקאר...

דזשאהן נעבענשט מיט לאנגע הענט איז
און דערלאנגען קען אין קארק...
שנאפס און טאבאק, טאבאק־מונשיין
ביידע זאכען מאכען שטארק.

און פון אלע די פרנסות
דזשאהן באהאלט קיין קניפלאך ניט;
און גיט אוים די לעצטע פענעס
און פאר ביזנעס זיך באמיהט...

ערגעץ אין אן אלקיר שמאכטען
ווייב און קינדער פאר א ברויט
פאטריאטען אבער מוזען —
זאגט ער — דולדען, ליידען נויט.

באלד וועט אפשר זיין מלחמה,
— האט געהערט ער אין סאלון —
וועט דער וועטעראן א ביינדעל
זיכער אפלעקען דערפון!

ווייטער האט מען דארט דערצעהלט איהם
אז אין וואל סטריט שטייגען שערס,
און פראספעריטי צוביסלאך
דריינגט אריין אין דער קאמערץ...

נו, איז הואווער דער געדעכטער!
ווער געצוויפעלט האט אין דעם?
באלד וועט דזשאהן דאך קריגען ארבייט
און זיך פיהלען גאר באקוועם!

און ווער רעדט נאך ווען אין כינא
ביזי ווערען וועט די פלאט,
וועט דאך ממש זיין א פיקניק
פאר יעדען פאטריאט!...

נאר דערוויל — צו העלפען ביזנעס
הייסט דעם פאלק דער פרעזידענט
הארדען, ביעס, איז פארבאטען,
ניט אויף שנאפס איהם א פאר סענט!

דזשאהני טרינקט מיט שטאלץ לחיים,
און אין זינען שלעסער בויט...
ערגעץ שמאכטען אין אן אלקיר,
ווייב און קינדער פאר א ברויט.

The Vi-Tone Co. Hamilton
VI - TONE

דיפלאמאטיע

(א יאפאנעזישע לעגענדע)

פון ב. רען.

די טויט־שטראף איז באשטימט געווארען אויסצופיהרען אין דעם גארטען יאשיקי. מען האט געבראכט דעם פארורטיילטען און, קניענדיג, אנידערגעשטעלט אויף דעם ארט וואס איז געווען באשאטען מיט זשוטשויסענע שטיינער און ארומגערינגעלט מיט שטיינערנע טאוולען — טאביאיש — וועלכע מען קען נאך היינט באגעגענען אין די יאפאנישע הינטער־שטאדט גערטנער. דערנאך ווי מען האט איהם די הענט ארונטערגעדרעהט, האט מען געבראכט א פאר עמער מיט שטיינער, מיט וועלכע מען האט אנגע־פילט זעק און מיט וועלכע מען האט דעם קניענדיג־ פאר'משפט'ן ארומגערינגעלט און אזוי פעסט צוגעדריקט, אז ער האט זיך ניט געקענט ריהרען.

עס איז אנגעקומען דער סאמוריי, וועלכער, געפינענדיג אלץ אין בעסטער ארדנונג, האט קיין שום באמערקונג ניט געמאכט.

פלוצלונג האט זיך דערהערט דעם פאר'משפט'ענס שטימע: — אייער דורכלויכט! דאס פארברעכען פאר וועל־כען איך בין פאר'משפט געווארען צום טויט, בין איך באגאנגען ניט ביים רעכ־טען געדאנק און אומגערן. שולדיג דע־רין איז נאר מיין נארישקייט, ווארום לויט דעם געזעץ פון קארמא בין איך גע־בוירען געווארען א נאר און בין באגאנ־גען אין מיין לעבען גאנץ אפטע פעהלע־רען. עס איז דארום אן אומרעכט צו טויטען א מענשען צוליעב זיין נאריש־קייט און איך פארזיכער אייך, אז דאס אומרעכט וועט זיך נוקם זיין. דאס איז אזוי זיכער ווי מיין איצטיגער טויט. די שנאה, וועלכע איהר האט אין מיר צופלא־קערט, וועט געבוירען די נקמה. שלעכטס וועט פארגעלטען ווערען מיט שלעכטס.

אינ'ם ווייטען מזרח איז פאראן אן אבערגלויבען, אז עס איז געפעהרליך צו טויטען א מענשען, וועלכער איז דורכגע־דרונגען מיט אונפארציהליכער שנאה; זיין גייסט קען זיך נוקם זיין אן דעם, ווער עס איז שולדיג אין זיין טויט. דער סאמוריי האט עס געוואוסט. און ער האט געענטפערט, כמעט מיט א גוטהערציגען שמייכעל:

— נאך דיין טויט קענסטו אונז שרע־קען וויפיעל דו ווילסט. איך גלויב אבער ניט, אז דו מיינסט עס טאקע ערנסט. גיב אונז עפעס א צייכען פון דיין פאראכטונג צו אונז, נאכדעם ווי מיר וועלען דיר אפהאקען דעם קאפ, באשטעהסט?

— איך באשטעה! — האט דער פאר'משפט'ער געענטפערט.

— גוט — האט געזאגט דער סאמו־ריי, ארויסציהענדיג זיין לאנגע שווערד פונ'ם שייד, — באלד וועל איך דיר אפ־האקען דעם קאפ. פאר דיר שטעהט א שטיינערנער טאוול. פרוביר איינבייי־סען זיך מיט די צייהן אין איהם, נאכ־דעם ווי מען וועט דיך קעפען. אויב דיין דערצארענטער גייסט וועט דיר צוגעבען כח דאס צו באווייזען, וועלען מיר אלע דאמאלסט פארציטערט ווערען פון שרעק פאר דיין נקמה... באשטעהסט דו, זיך איינצובייסען מיט די צייהן אין דעם דא־זיגען טאוול?

— איך וועל זיך איינעסען — האט דער פאר'משפט'ער א געשריי געטאן מיט צארן — איך וועל זיך איינעסען, איך וועל זיך איינעסען...

דאס שווערד האט א בליץ געטאן...

עס האט דערלאנגט א פייף, א האק — און דער צוגעבונדענער קערפער איז אומ־געפאלען אויף די רייז־זעק... צוויי שטראמען ווארים בלוט האבען א שפריץ געטאן און דער קאפ האט זיך ארויפגע־קייקעלט צום שטיין — און פלוצלונג האט ער זיך אויפגעכאפט צוגעטשעפעט זיך מיט די צייהן אן שטיין און מיט א פארצווייפעלטער קראפט זיך איינגעגעסען אין איהם אויף איין אויגענבליק און, ווע־רענדיג אפגעשוואכט, איז ער אנידערגע־פאלען אויף דער ערד...

קיינער האט א ווארט ניט ארויס־גערעדט. די דינער האבען מיט ערשטוי־נונג אנגעשטריינגט זייערע בליקען אויפ'ן סאמוריי. ער האט זיך אבער געהאלטען רוהיג. ער האט אויסגעצויגען דאס פאר־בלוטיגטע שווערד און דער דינער האט פונ'ם הילצערנעם עמער באגאסען דעם שארף מיט וואסער — פון הענטעל ביז'ן שפיץ, און האט פארזיכטיג אפגעווישט דעם שטאל מיט ווייכע פאפיר... אזוי האט זיך געענדיגט דער אפיציעלער טייל פון דיזען פאראל.

* * *

אין פארלויף פון עטליכע מאנאטען האבען זיך די אונטערטאנען און דינער כסדר געשראקען, אז דער גייסט זאל ניט ערשיינען, אלע זיינען געווען זיכער, אז די דראהענדע נקמה איז אונפארמיידליך. פון שטענדיגער שרעק פלעגט זיך זיי אלץ אויסרוכטען עפעס און אז די בלעטער אין די באמבוק וועלדעלאך פלעגען א ציטער טאן פונ'ם ווינט, זאגאר פונ'ם ציטערנ־דען שאטען פון די בוימער אין גארטען, פלעגען זיי זיך דערשרעקען. נאך לאנגע־רע באראטונג האבען זיי ענדליך באשלאסען צו בעטען זייער הער, ער זאל מתפלל זיין פאר דער רוח פון דעם ראבע'נעהמענדי־גען גייסט.

— דאס איז פאלקאם איבעריג — האט ער געענטפערט בעת דער עלטסטער דינער האט איהם איבערגעגעבען די אל־געמיינע בקשה — איך פארשטעה, אז איהר שרעקט זיך פאר'ן דורשט נאך נקמה, מיט וועלכען דעם פארשטארבע־נעמ'ס הארץ האט געברענט. ביי איצטי־גען מאמענט אבער איז ניטא קיין שום גרונד זיך צו שרעקען.

דער דינער האט מיט פארוואונדע־רונג געקוקט אויף זיין הער. ער האט אבער ניט געוואגט צו פרעגען די אורזאך פון דער אונפארשטענדליכער רוהיגקייט.

דער סאמוריי, פארשטעהענדיג, וואס ער טראכט, האט געענטפערט:

— אלץ איז דא גאנץ איינפאך: גע־פעהרליך וואלט נאר געקאנט זיין דער לעצטער פארלאנג פונ'ם דאזיגען מענ־שען. בעת אבער, ווען איך האב איהם פארגעלייגט מיר צו געבען א צייכען, האב איך זיין גייסט דערמיט אפגעצויגען פונ'ם נקמה געדאנק. ער איז געשטאר־בען מיט דער פעסטער אבזיכט, איינצו־עסען זיך מיט די צייהן אין שטיין — און דארום איז ער אימשטאנד געווען אויסצופיהרען נאר דאס אליין, אבער גאר־נישט מעהר. דאס איבעריגע האט ער אין גאנצען געמוזט פארגעסען. איהר זעהט דאך אליין, אז איהר האט ניט קיין שום גרונד זיך צו שרעקען.

און ווירקליך דער פארשטארבענער איז ניט ערשינען און עס איז גארנישט געשעהן.

דזשו־ראקוזאקירא

אין וואקעהארי, אין איינע פון די גענגענדען פון דער פראווינץ יא, איז גע־וואקסען אן אור־אלטער קארשען־בוים. גערופען האט מען איהם ״דזשו־ראקוזא־קורא״, אדער דער קארשענבוים פונ'ם זעכצעהנטען טאג, ווייל יאהר־יעהרליך, פלעגט ער אויפבליהען דעם זעכצעהנטען טאג פונ'ם ערשטען מאנאט (לויט'ן אל־טען קאלענדאר) און דאס נאר אויף איין טאג. און בליהען פלעגט ער גראד אין די גרעסטע פרעסט, כאטש געוועהנליך, ווארטען קארשען־ביימער ביז'ן פריהלינג. עפעס א געהיימע קראפט פלעגט מאכען בליהען און וואקסען דעם בוים ״דזשו־ראקוזאקורא״ — אין איהם האט געלעבט א גלגול פון א מענשען.

* * *

אמאל האט אין יא געלעבט א סאמו־ריי, ער האט געהאט א גארטען, אין וועל־כען עס איז געוואקסען א קארשען בוים און געבליהט, ווי געוועהנליך, אין פריה־לינג. נאך אלס קינד האט דער סאמוריי אונטער זיין שאטען זיך געשפיעלט און זיינע עלטערען, זיידעס און אור־עלטערען פלעגען מיט גלאנציגע פארשיעדען־פאר־ביגע פאפירענע בענדער, וועלכע זענען אויסגעצייכענט געווען מיט לידער, באפר־צען אין משך פון טויזענטער יאהרען דאס בוימעל אלע יאהר ביי יאהר. דער סאמו־ריי האט דערלעבט ביז דער טיעפסטער עלטער, אלע זיינע קינדער איבערגעלעבט און עס איז איהם מעהר גאר ניט געבלי־בען, וואס צום ליעבען — גאר נישט, א חוץ דעם קארשען בוים. צום באדויערען, האט איינמאל זומער דער בוים פלוצלונג גענומען דארען און שטארען...

צוקוקענדיג זיך צום שטארבענדען בוים, האט דער אלטער זעהר שטארק דערפון געליטען. און די גוטע שכנים, כדי איהם צו טרייסטען, האבען געבראכט א שעהן, יונג קארשען בוימעל און עס פארפלאנצט אין גארטען. דער אלטער האט זיי הערצליך געדאנקט, באמיהענדיג זיך ארויסצואווייזען זיין צופרידענהייט. אבער זיין הארץ איז פול געווען מיט בענק־שאפט: ער האט דעם אלטען קארשען בוים אזוי ליעב געהאט, אז קיין זאך אין דער וועלט האט איהם ניט געקענט טרייסטען.

ענדליך איז איהם איינגעפאלען א גליקליכער געדאנק: ער האט זיך דער־מאנט, אז עס איז פאראן א מיטעל, ווי אזוי צו רעטען זיין קארשען בוים פון טויט (עס איז געווען דער זעכצעהנטער טאג פון ערשטען מאנאט). ער האט זיך שטילערהייט אריינגע'גנב'עט אין גאר־טען, אראפגעלאזט זיך אויף די קניה פאר'ן דארענדען בוים און האט זיך גע־ווענדעט צו איהם מיט א געבעט:

— איך בעט דיך, בליה אויף כאטש נאך איין מאל, איך וועל שטארבען אנ־שטאט דיר.

מען גלויבט אז מיט די געטערס רצון קען מען איבערגעבען דאס אייגענע לעבען פאר א צווייטען, סאי פאר א מענ־שען, סאי פאר א בהמה, סאי פאר א געוויקס. דער דאזיגער טויט פאר'ן צווייטען ווערט אנגערופען ״מיגאוורי ני טאטסו״. דאס הייסט, איינער אנשטאט דעם צווייטען.

ענדיגענדיג דאס געבעט, האט דער אלטער אויסגעשפרייט אונטער'ן בוים א ווייס לייוואך און עטליכע קאלדרעס, אויס־געצויגען זיך אויף זיי און, לויט'ן מנהג פון די סאמורייען, אויסגעפיהרט איבער זיך ״האראקירי״ (אויפשניידען זיך) און זיין נשמה איז מגולגל געווארען אין א קארשען בוים, וועלכער האט באלד אויפ־געבליהט.

און ביז היינט, יעדעס יאהר, אין דעם 16־טען טאג פון ערשטען מאנאט, בליהט ער אויף צווישען שניי.

מיקראבען און די נאטור

פון דר. מ. פיווניק.



מען קען בא־הויפטען, דאס בא־נאה אלעס וואס עס לעבט אויף דער וועלט, אלערליי באשעפענישן און חיות זיינען צוזא־מענגעשטעלט פון וואסער. וואסער אליין באשטעהט פון צוויי גאזען: הידראזשען (וואסער שטאף) און אקסידזשען (זויער שטאף). אין א קלע־נערער מאס געפינט זיך אין זיי אויך א גאז וואס רופט זיך נייטראדזשען (שטיק־שטאף) און קארבאן (קוילען שטאף).

אין א פארגען ארטיקעל האבען מיר גערעדט וועגען דעם ענין דאס קיין זאך אין דער וועלט געהט ניט פארלארען; אלעס געהט איבער פון איין א תקופה אדער ״סייקל״ ווי מען זאגט עס אין ענגליש.

דאס לעבעדיגע באשעפעניש גיט צו־ריק צו דער נאטור דאס וואס זי האט פון איהר גענומען. זי טהוט עס אין צוויי וועג־ען. ווען עס לעבט גיט עס זי ארויס איהר אפפאל אדער צואה. און נאכ'ן טויט ווערט דאס קערפער צולאזען און צוטיילט אויף פארשיעדענע גאזען און עלעמענטען וועלכע קעהרען זיך אום צו דער ערד פון וואנען זיי קומען אין אנפאנג.

דיזע עלעמענטען און גאזען וועלכע קומען פון דעם טויטען און צופוילטען קערפער ווערען אזוי צו זאגען באפרייט, און איבערגעניים הויבען זיי אן צוזאמענ־שטעלען און פארמירען נייע ארגאנישע קערפער. אט דיזע אלע קאמבינאציעס און פארענדערונגען זיינען דער עסענץ דער עיקר פון לעבען.

ווי מיר האבען שוין דערמאהנט אין אנאנדער ארטיקעל איז, אז ווען מען קוקט זיך צו ריכטיג מיט א וויסענשאפטליכער אויג אויף דער גאנצער זאך קען מען זא־גען אז קיין טויט איז גאר ניטא אויף דער וועלט. דער היפוך פון לעבען איז טויט. לעבען איז אין ערשיינונג און טויט איז א ספעציעלער צופאל, א פארענדע־רונג.

לעבען און באצילען

די ערשטע ארבייטער אין דיזען ״סייקל״ אדער קרייז פון לעבען זיינען גע־ווען די מיקראבען. זיי זיינען פאראנט־ווארטליך פאר די אלע קאמבינאציעס און ווידער קאמבינאציעס וואס געהען שטענ־דיג אן אין לעבען.

ביי היינטיגען טאג קען מען גאר ניט באגרייפען וואס לעבען וואלט געווען אהן זיי. פונדעסטוועגען קען מען נאך ניט זא־גען דאס די מיקראבען זיינען געווען די ערשטע לעבענס־ וועזען אויף דער ערד. אויך שווער צו ערקונדיגען וואו האט זיך אנגעפאנגען זייער אורשפרונג; זיי האבען ניט אלע מאל אויסגעקוקט ווי זיי זעהען אויס יעצט, ווייל זיי זיינען דורכ־גענאנגען א לאנגען פעריאד פון פארענדע־רונג און עוואלוציע.

עס איז פיליכט מעגליך דאס לע־בענס־וועזען האבען זיך באוויזען אויף דיזער ערד אין געוויסע פארמען וואס מיר וואלטען יעצט ניט דערקאנט נאך איידער די מיקראבען האבען אנגעפאנגען צו עקזיסטירען. אבער די לעצטע האבען א גרויסע מיסיע דורכצופיהרען. זיי זיינען געווען די הויפט אגענטען וואס האבען פארשפרייט דאס לעבען איבערן גאנצען ערד קוגעל.

אז מיר זאלען וועלען באשרייבען אדער דעפינירען דעם קרייז אדער תקופה וועגען וועלכער מיר האבען אויבען גערעדט קע־נען מיר אין א פאר ווערטער זאגען פאל־גענדעס: פלאנצונגען ציהען זייער חיונה פון דער לופט, פון די וואסערען און מי־נעראלען; זיי באקומען פון זיי די סוב־סטאנצען וועלכע זיינען נויטווענדיג פאר זייער עקזיסטענץ.

חיות שפייזען זיך מיט פלאנצען און אויך אויף אנדערע חיות וועלכע האבען דירזיך אליין געשפייזט אויף פלאנצונגען. מיט איין ווארט דאס שטאף וואס בויט אויף די חיה קומט אלע מאל פון דער לופט אדער די ״מינעראלען־וועלט״.

די הלואה

ווייטער ווייסען מיר דאס די פרא־צעסען פון ברויזען, פוילען און פארברע־נען ברענגען צוריק אין אן אונענדלאזער קייט צו דער אטמאספערע אדער צו די מינעראלען אלעס וואס די חיות האבען ביי זיי געליהען אום צו קענען לעבען און עקזיסטירען.

דאס איז ווירקליך א וואונדערבארער פראצעס דורך וועלכען עס געהט אן די צירקולאציע צווישען דער טירישער וועלט, די פלאנצען וועלט און די מינעראלען וועלט. דאס איז א סוד פון לעבען, א גרויסע און טיעפע געהיימניס.

מיר שטויסען זיך אן דאס פארברע־נען און פוילען זיינען די צוויי וועגען וואס די נאטור באנוצט אום צו געבען צוריק צו דער מינעראלען וועלט דאס וואס זי נעהמט אדער לייהט פון איהר אום צו בויען פלאנצען און טהירען.

גרינע פלאנצונגען באקומען זייער קוילען־שטאף פון דאס לופט און פראדו־צירען דערפון די קראכמאלען, צוקער און פעטס. די לעצטע ענטהאלטען אין זיך ענערגיע און היץ.

דיזע קוואלען פון ענערגיע ווערען פארברענט ביי דער חיה דורך די באוועג־גונג פון איהרע מוסקולען און אויך דורך דעם שוויים וואס זי גיט ארויס. חיות וואס זיינען טויט עהנליך צו פלאנצען קע־נען צוריק זייערע וואסער און קוילען־שטאף צו דער נאטור.

דער באדען

דער שטיק־שטאף איז זעהר א נויטי־גער גאז און געפינט זיך אין א גרויסען פראצענט אין דער לופט און אויך אין דער ערד. אויך עקזיסטירט עס אין דער צואה פון חיות און אין די צופוילטע קער־פערס פון פלאנצען און חיות. דאס קלייבט זיך אן אויף דעם באדען אין דער פארמע פון שימעלדיגקייט אדער ערד־מיסטונג. פלאנצען ווען זיי ווערען דיקאמפאזירט אדער צוגאנגען, און דעם אפפאל פון חיות אין אלגעמיין גיבען צוריק דער נא־טור דעם שטיק־שטאף אלעס מיסט וואס מאכט פעט און פרוכטבאר דעם באדען אויף וועלכען עס ווערט פארשפרייט.

מען קען זיך אויסשפרעכען דאס חיות זיינען פאראזיטען אויף פלאנצען זייט זיי אליין זיינען ניט פעהיג אויפצובילדען זיך זעלבסט דירעקט פון די מינעראלען. די מינעראלען ווערען צום ערשטען אריינ־גענומען אין דער פלאנץ און קומען צו חיה וועלכע עסט אויף דאס פלאנץ.

געמישטע הייראטען ביי די אידען אין די פראווינציעלע שטעדטלאך פון אנטאריא

פון דוד קורשענבוים

(דריטער ארטיקעל)

בכלל זיינען די באציהונגען צווישען די אידישע פאמיליעס מיט דער ניט אי־דישער באפעלקערונג אין די דאזיגע קלע־נערע פראווינציעלע שטעדטלאך אונטער די בעסטע קאנדיציעס.

די ניט אידישע באפעלקערונג אין די קאנטרים זענען דאס רוב העכסט רע־ליגיעז געזאנען, גרויסע ליעבהאבער און פארעהרער פון דער ביבעל. האבען זיי דערפאר שטארק דרך ארץ פאר די מענ־שען וואס האט דער וועלט געגעבען די ביבעל, איז דאס נאך אן אורזאך פאר וואס מאריסקע האט גיכער די געלעגענ־הייט צו קומען אין נאהענטע באציהונגען מיט די שעהנערע ניט אידישע טעכטער ווי די ניט אידישע בחורים, גרופירען זיך דערפאר ארום אזהם פיעלע פון די ניט אידישע טעכטער, איז ער נאך באשאנ־קען מיט א שעהנע עלאסטישע פיגור, יאגט מען זיך צו זיין אין זיין געזעלשאפט און אט דאס זיינען די אלע אורזאכען וואס פיהרט אזוי אפט צו געמישטע הייר־ראטען צווישען אידישע און ניט אידישע קינדער און די רעזולטאטען זיינען אפט פאטעטיש, טראגיש פאר ביידען.

קומענדיג אפט אין פארקעהר אין דער ניט אידישער געזעלשאפט, זייענדיג פראמינענט, ציהענדיג די אויפמערקזאמ־קייט פון גאנצען קרייז, אויב דאס שטעד־טעל איז ניט צו גרויס איז איבעראל בא־וואוסט מאריסקעס נאמען. מאריסקעס על־טערען פארטראכטען אפט גאר ניט אזוי פיעל וועגען זייערע זוהן באגרייפען אפט ניט די אויסגעהענדע קאנסעקווענצען, אדרבה, עס קומט וואר פון די ניט אידי־שע שטאדט בעלי־בתים צו מאריסקעס על־טערען אין הויז אריין און לויבען איהם פאר זיין אקטיוון אנטייל נעהמען אין דער ניט אידישער געזעלשאפט, פאר־שאפט דאס זיי אן אינערליכען נחת רוח, און זענען זיך אפט מתיחס מיט איהם פאר די אנדערע אידישע שכנים וועגען מאריס־קעס פעהיגקייט צו גרייכען אויף אזא הוי־כע מדרגה אינ'ם שטעדטעלדיגען געזעל־שאפטליכען לעבען.

פאסירט טאקע גאנץ אפט אז מאנכע אידישע יונגעלייט אין שטעדטעל זענען זיך מתקנא אין מאריסקען, פרובירען אים נאך צו טאנצען און אויך זיי געפינען זייער פלאץ אין דער ניט אידישער געזעל־שאפט געמיינזאם מיט מאריס'ען. געהט מען געמיינזאם אוים מיט ניט אידישע מיידלאך, מען פארברענגט צוזאמען, וואס מעהר אלץ נעהענטער, אינטימער, און ווי ווייט איז דאס פון פארפיהרען א ליעבע.

פאסירט אפטע גאנץ אפט אז מאריסקא קומט אין א שעהנעם העלען טאג און ווארפט ווי א דונער אריין אין זיינע על־טערענס הויז אז ער איז שטערבליך פאר־ליעבט און וועט אומבאדינגט חתונה הא־בען מיט די העלען מעקלאקלין...

און דאס וואס פאסירט מיט מאריס־קע און סעמי אינ'ם קליינעם פראווינציע־לען שטעדטעל וואו די אידישע משפחות צעהלען צעהן אדער פופצעהן צווישען א ניט אידישע באפעלקערונג פון פופצעהן אדער צוואנציג טויזענט איינוואוינער פאסירט אויך אויפ'ן זעלבען אופן מיט שולי און דזשעני.

און אט ביי דער געלעגענהייט וועל איך אנציינגען אויף א העכסט טרויעריגע ערשיינונג אין דעם פראווינציעלען אידי־שען לעבען.

עס איז מאדנע, אבער א טרויעריגע ווירקליכקייט וואס איז באוואוסט צו די וואס זענען נאהענט באהאוונט אין דאס אידישע קאנטרי לעבען, אז די אידישע בחורים אין דער קאנטרי האבען אן אומ־באוואוסטזיניגע אנטיפאטיע לגבי די אי־דישע מיידלעך וואס וואוינען צוזאמען מיט זיי אין דער קאנטרי, מיידען אויס זייער געזעלשאפט, מענגען די עלטערען אפילו צווישען זיך זיין די בעסטע פריינד אויב איינער פון זיי האט א בחור דער צווייטער א מיידעל, זיינען זיי אפט כמעט זיך פרעמד, אומבאקאנט, קאנגען זיך כמעט ניט.

פאר וואס דאס איז אזוי? איז באמת אומערקלעהרבאר, מעגליך דערפאר ווייל אין א מיידעל אין דער קאנטרי נעהמען די אידישע עלטערען מעהר אינטערעס. האלטען איהר אונטער א שטרענגערער השגחה, לאזען איהר ניט געהן וואוהין זי וויל, זי קומט ניט אזוי אפט צווישען ניט אידישער געזעלשאפט און איז גע־צוואונגען צו פארברענגען אפטער אין הויז צוזאמען מיט די עלטערען אומעטיגע וואונטען און עלענדע איינזאמע לאנגע זונטאגדיגע טעג, איז זי דערפאר פרעמד דעם ניט אידישען בחור וועלכער פאר־ברענגט דאס רוב זיינע אוונטען אין די ניט אידישע קרייזען און באגעגענט קיינ־מאל ניט דארטען דאס אידישע קאנטרי מיידעל.

בעת א שטאדטישען טאנץ ווען אפילו דאס אידישע קאנטרי מיידעל קריגט די פריוועלעגיע פון איהרע עלטערען צו בא־זוכען דעם טאנץ און באגעגענט דארט מאריסקען מיט סעמין שענקען זיי איהר ווענינג אויפמערקזאמקייט אין טאנצען בעסער מיט ניט אידישע מיידלאך מחמת זיי האלטען די אידישע קאנטרי מיידעל פאר א צוריקגעשטאנענע, אומקולטיווי־רטע, פאר א הויז זיצערין, וואס די אורזאך זאל ניט גורם זיין איז א טרויעריגער פאקט אז א אידישער בחור וועט גיכער ארויסגעהן מיט א ניט אידישער מיידעל איידער באקאנטער אידישער, מעג זי זיין ווי באצויבערענד שעהן, ווי אנציהענדיג ראמאנטיש.

זענען דערפאר ווירקליך דאס רוב עלטערען אין די קאנטרי גיכער פאראינ־טערעסירט אין א תכלית פון אידישען מיידעל איידער פון בחור. ווערט דאס מיידעל עלטער און די עלטערען באמער־קען אז זי באקומט א נייגונג צו פאר־ברענגען אין געזעלשאפט אויב זיי האבען קרובים אדער פריינד אין א גרעסערע שטאדט וואו די אידישע באפעלקערונג איז א גרעסערע, טראנספארטירען איהר דארטען, לאזען איהר ארבייטען אין שאפ, שיקען איר אפט אפילו אויף איהר אויסקומעניש אבי זי זאל האבען אידישע געזעלשאפט.

דאס שליסט אבער ניט אויס עס זאל טרעפען א אידישע מיידעל זאל זיך איינ־ליעבען אין א ניט אידישען בחור, אין גענענטייל, פראפארציאנעל זיינען כמעט דאס רוב אידישע מיידלאך אין די קאונט־רים די יעניגע, וועלכע שאפען די געמיש־טע הייראטס פראבלעם.

זעלבסטפארשטענדליך זיינען דאס יעניגע מיידלעך וועלכע בלייבען צוזאמען מיט די עלטערען אין קאונטרי, מענגען די עלטערען אפילו מיט אפענע אויגען בע־אבאכטען יעדען טריט און שריט פון זייער טאכטער קאן גאנץ אונערווארטעט טרעפען אז די מיידעל לאזט אולטימאטיוו ראפטום איהרע עלטערען וויסען אז זי איז שטערבליך פארליעבט אין דזשעק ארמסטראנג.

צו אילוסטרירען דיטליכער דאס אלס אויבענדערמאהנטע וועלען מיר ברענ־גען עטליכע ווירקליכע פאקטען וואס הא־בען א שייכות צו דעם ענין. וואס וועט בולט'ער ארויסברענגען דאס אידישע קאונטרי לעבען. דער שרייבער פון די ארטיקלען האט אפט אליין געהאט די גע־לעגענהייט אנוועזענד צו זיין און האט פערזענליך אן אנטייל גענומען אין די גע־בראכטע פאקטען, זיי זיינען ווירקליך העכסט אינטערעסאנט און חוץ וואס דורך די דערצעהלטע פאקטען וועלען ממילא די ארטיקלען מעהרער פארשטענדליכער זיין וועט דאס בכלל בולטער אפשפיגלען דאס פאלקאמענע אידישע קאונטרי לעבען.

פאקט נומער איינס: אין א קליין שטעדטעל צווישען א ניט אידישער בא־פעלקערונג פון 15 טויזענט איינוואוינער האבען געוואוינט 10 אידישע משפחות. איינע פון די משפחות איז געווען די עלט־סטע, אלס אלטע איינגעזעסענע תושבים זיינען זיי געוועזען אלעמען באוואוסט און פראמינענט. אין דער פאמיליע איז געווען עטליכע היבשע דערוואקסענע בחורים וועלכע זיינען ווייטער פון א ״פאבליק סקול״ ניט געגאנגען, אונטערוואקסענדיג האבען זיי דעם פאטער וועלכער איז שוין געווען אן עלטערער מענש מיטגעהאלפען אין זיינע דזשאנק ביזנעס.

דער פאטער, אן אלט מאדישער איד געקומען פון דער ליטא מיט דרייסיג יאהר צוריק, אנגעפלאגט זיך ביז ער האט זיך דערשלאגען צו א תכלית איז געווען קאנ־סערוואטיוו רעליגיעז געזאנען, געוועזען א שטרענגער שומר שבת, צוזאמענגעשטעלט א אידישע קהלה צווישען די אידישע פא־מיליעס אין שטעדטעל, געזאגט די הויפט דעה בנוגע א שוחט, יעדען שבת האט ער צוזאמען מיט די קינדער צוזאמענגע־שטעלט דאס מנין, געוועזען אליין חזן, בעל קורא, ימים נוראים בעל מוסף, בעל תוקע, בקיצור, די אבסעלוטע פארקערפע־רונג פון דער קליינער אידישער קהלה אין שטעדטעל.

הגם דער גאנצער מסחר איז געווען אונטערן פאטערס השגחה, האבען די קינ־דער אבער אין זייערע פערזענליכע אייגע־נע אנגעלעגענהייטען געהאנדעלט זעלבסט־שטענדיג און טראציג. דעם עלטערען פון די קינדער איז דאס קאונטרי לעבען נמאס געווארען איז ער אוועק אין א גרעסערע שטאדט. שפעטער האט איהם נאכגע־פאלגט א אינגערער ברודער, און די איב־ריגע קינדער, ובפרט א אינגערער בחור האט געפונען זיין געזעלשאפטליכע בא־פרידיגונג אין קאונטרי לעבען, איז ער גע־ווארען א טעטיגער מיטגליעד אין דער יאנג מענס קריסטשאן אסאסיאיישאן פון שטעדטעל, געהאלפען ארגאנזשירען און אפט אליין זיך באטייליגט אין זייערע אונטערנעהמונגען. ער איז געווען פעסט געבויט, פיזיש גוט אנטוויקעלט מיט א שעהנער פיגור און שעהנע מאנירען און דער בעסטער באקסער צווישען די יונגע־לייט פון שטעדטעל האט ער איבעראל נושא חן געווען, האבען איהם אלע רע־ספעקטירט, איז ער געווארען צוליעב זיין פאפולאריטעט אן עקזעקוטיוו מיטגליד אין דער ווי. עם. סי. איי. אין שטעד־טעל.

דורך זיין איניציאטיווע זענען אלע ארגאנזשמענטס פאר ספארטריי אין שטעד־טעל פארגעקומען, די עקזיסטירענדע לאק־קאלע צייטונג האט איהם געגעבען אויס־געצייכענטע פובליסיטי, פלעגט ער יעדען אווענט גלייך נאך דער ארבייט אוועק פארברענגען דארטען, האט ער פאראינטערעסירט זיינע ברידער אין זיין געזעלשאפט און געמיינזאם האט מען פארברענגט.

האבען די עלטערען לכתחילה אין זיין התנהגות ניט געזעהן קיין שום סכנה, אין געוויסע הינזיכטען זיינען זיי אומבא־וואוסטזיניג אפילו צופרידען געווען וואס זייער זוהן איז אזוי פאפולער אין שטעד־טעל, זיין פאפולאריטעט האט זיך זיי אויסגעדראכט ברענגט זיי געוויסע פינאנ־ציעלע רוחים.

פלעגט אפילו דעם אלטען קומען אויף דער מחשבה א שלעכטער רעיון ווע־גען זיין זוהנס התנהגות און פלעגט מיט באהאלטענער מורא ארויסזאגען דאס זיין פרוי, האבען אבער ביידע פארשטאנען אז עס איז שוין שפעט צו מאכען זייער זוהן א פארוואורף.

זיי האבען זיך שטארק געגויטיגט אין זייער זוהנס מיטהילף אין זייער מסחר, זיי האבען זיך אבער געטרייסט מיט דעם וואס זייער זוהן איז א העכסט געטרייער זוהן און וועט קיין אופן ניט פארשאפען זיינע עלטערען קיין אונאנגענעהמליכקיי־טען. וועגען זייער זוהנס באציהונגען, וועגען זיין פארקעהר אין דער ניט אידי־שער געזעלשאפט האבען זיי אליין, די עלטערען, קיין גרויסען אהנונג ניט גע־האט, ביז דער קלימאקס איז געקומען. עס האט פאסירט דאס וואס האט אנדערש ניט געקענט פאסירען. — זייער זוהן איז אין א געוויסען אווענט אהיים געקומען און קאטעגאריש ערקלעהרט זיינע עלטע־רען אז ער איז שטערבליך פארליעבט אין העלען בלעקוויל און זייענדיג א געטרייער זוהן ניט וועלענדיג פארשאפען די עלט־רען קיין יסורים וויל ער דוקא זיי זאלען מסכים זיין צום שידוך...

עס איז איבריג צו דערצעהלען דעם ערשיטערענדען איינדרוק וואס דאס האט געמאכט אויף די עלטערען און אויף דער גאנצער משפחה.

די מוטער האט געוויינט, ספאזמירט, דער אלטער פאטער האט געקלאפט קאפ אין וואנט, די משפחה האט רחמנות'דיג אפעלירט צו דעם בחור, ערקלעהרט איהם אז עס וועט זיין א טויט קלאפ פאר די עלטערען און א חרפה פאר דער משפחה און דער בחור איז געשטאנען מיט קיין ווארט קיינעם ניט אפגעענטפערט, ווי א פארשטיינערטע סטאטוע האט ער מיט אויסגעגלאצטע אויגען אלעמען אין שטוב אנגעקוקט. האט די משפחה באשלאסען צו שיקען נאך דאס ניט אידישע מיידעל און דער בחור האט דערצו מסכים גע־ווען.

בעת דאס ניט אידישע מיידעל איז אריינגעקומען האבען אלע געפאסט מוט, מקבל פנים געווען איהר מיט א צער'פולען שמייכעל. די מיידעל איז געווען א טאכ־טער פון א פראמינענטער רייכער ניט אי־דישער משפחה. זי איז ווירקליך געווען א וואונדערבארע בעצויבערענדע שעהנהייט, אפשר די שעהנסטע, עלעגאנטסטע און אנטעלעקטועלסטע אין שטעדטעל.

לויט איהר אריינקומען אין הויז איז געווען קענטיג אויף איהר פנים אז זי איז פארגעברייט צו עפעס אויסערגעוועהנלי־כעם און האט מסתמא פארשטאנען אז

(פארזעצונג אויף זייט 8)

אן אנגענעמער וועג צו טרינקען מילך

דאקטוירים זאגען אונז, אז מילך דארף זיין א וויכטיגער טייל פון אונזער דיעטע, ספע־ציעל פאר קינדער, אבער ניט פיעל מענשען האבען ליעב מילך, און דער רעזולטאט איז, אז זיי ווילען עס ניט טרינקען, און אזוי בארויבען זיי זיך פון די בענעפיטען פון דעם.

אבער מילך קען זיין אפעטיטליך פאר יעדען איינעם — יונג און אלט — אריינ־צומישען א לעפעל אדער צוויי ווי־טאון אין א קאפ אדער גלאז מילך — און מען באקומט א געשמאקען טרונק.

קריגט א בלעכעל היינט פון אייער גראסער אדער דראגיסט — אדער פרובירט עס ביים סאדא פאונטיין.

The Vi-Tone Co. Hamilton

VI-TONE

קויפמאן ברידער און פיין דזשיי. לאמבערס קא. לימיטעד

די אנטאריער דיסטריבי־טארס פאר'ן אידישען טרייד.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

קאמיסיע אויסצופארשען קלאגעס נעגען פרעמיער צוזאמענגעשטעלט

אשאווא, פעברואר 17.

דער פרעמיער מיניסטער האט היינט אנאנסירט דעם צוזאמענשטעל פון דער קאמיסיע, וואס וועט אונטערזוכען די קלאגען ,וועלכע האנ. דזש. ה. גארדאן, ק. סי. פון האמילטאן האט געמאכט לעצטען יאנואר נעגען דעם פרעמיער בענעט און זיין שוואגער און שוועסטער מר. און מרס. דאבעליו. הערידזש. אז די לעצטע זיינען בלומרשט געפאהרען אויף זייער האגימון אויף רעגיערונגס הוצאות.

אין דער קאמיסיע געהען אריין פון די קאנסערוואטיוון: קאל. דזש. ר. גירי, דר. דזש. מאלאני, א. גאניאן, ל. דזש. באומאן; פון די ליבעראלען: וויליאם דאף און טשארלס האירד, און א. ספעקמאן פון די יונייטעד פארמערס.

עס ווערט דערווארט, אז די זיצונגען פון דער קאמיסיע זאלען ניט לאנג אנהאלטען, מען גלויבט אז מר. גארדאן וועט דערשיינען פאר דער קאמיטע און וועט זיך אנטשולדיגען פאר דעם פרעמיער און פאר מר. און מרס. הערידזש. די קאמיסיע וועט דאן זיין אנטשולדיגונג ברענגען פאר'ן פארלאמענט און זיך אויפלעזען.

700 ארבעטסלאזע אין סו שטעלען זיך צו דער ארבעט

סו סט. מארי ,אנט. פעברואר 17.

די ארבייטסלאזיגקייט לאגע וועט געווים פארלייכטערט ווערען. קומענדען מאנטאג, וועלן זיבען הונדערט ארבייטסלאזע ביז יעצט וועלען זיך שטעלען צו דער ארבייט ביי דער אלגאמא סטיל קארפאריישאן.

צוויי אויוועגס האבען אן צו ארבייטען מארגען, און די מיל פרייטאג. מאנטאג וועלען נאך צוויי מילען אנפאנגען ארבייטען.

שטיפעלטערען ארעסטירט פארן טויט פון קינד

וואנקאווער ,פעברואר 17.

דזשאן דאבעליו. מעקארד, א שווארצער און זיין פרוי, שטיף עלטערען פון דער זעקס יאריגער בערניס, וואס איז דעם 5־טען פעברואר געשטארבען פון פארגיפטונג, זיינען פארהאלטען געווארען פון דער פאליציי אונטער דער באשולדיגונג, אז זיי האבען דערמארדעט דאס קינד.

ביינאכט, דאס קינד האט געבעטען דעם פאטער א טרונק. נאך טרינקען עטוואס פון דעם וואסער, וואס ער האט איהר דערלאנגט, איז זי באלד געשטארבען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין וואסער איז געווען געפעהרליכער גיפט.

ביי דער אויספארשונג האט דער שטיף פאטער געצייגט בריעף, וואס ער זאל האבען באקומען, און לויט וועלכע דער גיפט איז פון א שונא אריינגעטאן געווארען אין וואסער, כדי איהם, דעם פאטער ,צו פארסמ'ען.

בענעט וויל ניט קויפען לאבראדאר

אטאווא, פעב. 17.

דער קאנאדער פרעמיער בענעט האט באקאנטגעמאכט, אז די קאנאדער רעגירונג האט צוריקגעוויזען דעם אנבאט פון דער ניו־פאונדלענד רעגירונג, אז קאנאדע זאל אפקויפען פאר א מיליאן דאלאר דעם גאנצען לאבראדאר אינזעל, צוליעב עקאנאמישע און פינאנציעלע אומשטענדען.

ווילען ניט קיין ,,סאציאליסטישען" לארדען הויז

לאנדאן, ענג., פעב. 17.

א שטארקע באוועגונג צו רעפארמירען דאס לארדען־הויז אין ענגלאנד איז איצט אנגעהויבען געווארען פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, כדי צו פארזיכערען אז דאס לארדען־הויז זאל ניט קענען אריינגעהמען מעהרער סאציאליסטישע מעמבערס ווי ביז יעצט.

רויבער בינדען מאן און פרוי אין הויז נעמען צו $3.20

באומאנוויל ,אנט. פעברואר, 17.

דריי יונגע רויבער זיינען נעכטען אוונט אריין אין דער הויז פון הובערט סטייסי, מייפעל גראוו, האבען געבונדען דער גאנצער פאמיליע און האבען איבערקעהרענדיג דער גאנצער הויז זיך אפגעטראגען מיט בלויז 3 דאלער מיט 20 סענט. אין א קעסטעלע אין קיך איז געראדע געלעגען 30 דאלער, וואס זיי האבען פארזעהן.

די זעלבע זיינען געווען אין הויז ביי־טאג בעטענדיג עפעס צו עסען. אין אוונט זיינען זיי אריין און אנגעשטעלט אויף דעם מאן און דער פרוי צוויי רעוואלווערען און איינער פון די רויבער האט דורכגעזוכט ביידענס קעשענעס. פארן אוועקגעהן, ווען זיי האבען געזעהן אז מעהר קיין געלט איז אין הויז נישטא, האבען זיי געבונדען דער פרוי די הענט און די פיס און זיי אוועקגעלייגט א געבונדענער אויפ'ן בעט. דאס זעלבע האבען זיי געטאן מיט'ן מאן. זייער קינד, וואס איז געווען קראנק, האבען די רויבער אוועקגעלייגט אויפ'ן בעט צווישען די צוויי געבונדענע און עס צוגעדעקט מיט א קאלדרע. דאן זיינען זיי אוועק.

כינעזער אין קאלגארי שאפען $10,000 פאר כינע

זאלען זיי אויסהאלטען זייערע נויט־לוידענדע, זאגט מעיאר.

קאלגארי ,אלטא. פעברואר 17.

די באריכטען, אז די כינעזער אין קאלגארי האבען געשאפען צעהן טויזענט דאלער פאר דער פארטיידיגונג פון כינע נעגען יאפאן ,האבען געבראכט צו דעם אז 63 כינעזער, וואס האבען ביז יעצט באקומען הילף פון דער שטאדט אלס ארבייטסלאזע, זאלען אראפגענומען ווערען פון צעטעל.

מעיאר דייוויסאן זאגט, אז כינעזער וועלען מעהר קיין שטיצע ניט קריגען פון שטאדט, ביז דער אופן, ווי די צעהן טויזענט דאלאר זענען געשאפען געווארען, וועט ניט אויסגעפארשט ווערען.

"אויב זיי קענען שאפען 11 טויזענד דאלאר פאר א מלחמה, וואס קומט פאר פינף טויזענט מייל ווייט פון זיי, קענען זיי באזארגען זייערע נויטלוידענדע ברידער אין שטאדט", האט דער מעיאר דערקלערט.

האלד אפ אויפ'ן שוועל פון רעגירונגס געביידע אין וויניפעג

וויניפעג. פעברואר 17.

דריי באוואפענטע רויבער האבען היינטע נאכמיטאג דורכגעפיהרט א האלד אפ אויף דזשארדזש ריד, א רעגירונגס מעסענדזשער ווען ער האט געהאלטען ביים אריינגעהן אין דער געביידע פון דער פראווינציעלער לעדזשיסלייטשור. איינער האט איהם דערלאנגט מיט א רעוואלווער איבערען קאפ. און זיי האבען ביי איהם ארויסגעכאפט זיין וואליז, אין וועלכער עס האט זיך געפונען 3,600 דאלער מזומן און אין טשעקס און מאני ארדערס אין ווערט פון 1500 דאלאר.

זיי זיינען אנטלאפען געווארען אין א געגנב'עטען אוטאמאביל.

ריד איז אפגעפיהרט געווארען אין האספיטאל, וואו ער האט שפעטער דערצעהלט ,אז די באנדיטען האבען אויף איהם אנגעשטעלט א רעוואלווער. ער האט זיך אפגעזאגט אפצולאזען די וואליזע. האט יענער געוואלט אויסשיסען, נאר דער רעוואלווער האט ניט געשאסען. דאן האט א צווייטער איהם דערלאנגט מיט'ן רעוואלווער איבערן קאפ.

ווילען דעפארטירען אויסלענדער פרייוויליג

אטאווא, פעב. 17.

די פראגע וועגען דעפארטירען פרייוויליג נאך זייערע אלטע היימען אלע ארבייטסלאזע אויסלענדער אין קאנאדע, און אויך אז די רעגירונג זאל זיי העלפען אין דעם, ווי אויך די פראגען וועגען ארבייטסלאזיגקייט און אנדערע, ווערען איצט דיסקוטירט צווישען דעם מיניסטער פון אימיגראציע און לייבאר האנ. גארדאן, און עטליכע מעיארס פון די פאלגענדע שטעדט: הור, פון מאנטרעאל; דייוויד קראל פון ווינדזאר; וועבב, פון וויניפעג, און פיבלס, פון האמילטאן.

EMPIRE
די גאנצע וואך
נאנעט דעילי
די קעניגין פון פעשאן אין בורלעסק
און איהר נייע 1932
פלעפער פאלים
פרייזען:
לעידיס מאטינע טעגליך 25ס.
אוונטס: 25ס. ביז $1.00.
מאטינעס: 25ס. און 50ס.
פון מאנטאג, 22־טען פעברואר
דזשיפסי רעי ריד
און די לוסטיגע פראכטפולע "מיידלאך פון די פאליס"
יעדער נומער א היט.
קאלומביא בורלעסק

DUCHESS THEATRE
Dundas cor. Markham
פרייטאג און שבת
19־טען און 20־טען פעברואר
די איין און איינציגע גרעטא גארבא מיט דעם באצויבערענדען קלארק גייבעל — א פאר פון לייוועגט'ס וואונדערבארסטע געליבטע!

GRETA GARBO and CLARK GABLE in "SUSAN LENOX (Her Fall and Rise)
גרעטא גארבא
— אין —
„סוזאן לענאקס"
איהר פאלען און אויפשטעהן
מיט קלארק גייבל
עס קומט!
פרייטאג און שבת, פעברואר 26, 27
מאנטאג און דינסטאג, פעברואר 29, מערץ 1־טען
"די יעלא טיקעט"
מיט ליאנעל בארימאר, עלסיא לאנדי

GARDEN THEATRE
College at Spadina
דאנערשטאג, פרייטאג און שבת
18־טען, 19־טען, 20־טען פעברואר
א ליבענדע הארץ וואס קעמפט. פאלט און געווינט ענדליך, דאס איז

GRETA GARBO and CLARK GABLE in "SUSAN LENOX (Her Fall and Rise)
גרעטא גארבא
— אין —
"סוזאן לענאקס"
איהר פאלען און אויפשטעהן
מיט קלארק גייבל

ארענא גארדענס
60 מיוטשועל סטריט
פרייטאג, 19־טען פעברואר
8.30 אוונט
הויפט באוט (ביז א פיניש)
עה. דאן דזשארדזש
נעגען פאט מעקגיל
גוטע פרעלימינערים.
פלאנס מודי'ס, סקאול'ס, קינג עדווארד, מוטשועל ארענא גארדענס.
איוואן מיקאילאף
מעטשמייקער, ארענא אטלעטיק קלוב
טעל. וועיווערלי 1967.
(עקזיבישאן)

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
273־275 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן וועיווערלי 4960.

אפיס טעלעפאן: עלגין 3641.
הויז טעלעפאן לאידברוק 4758.
לאיער נייטען פהיליפס קיי. סי.
פון קאמפאניע
NATHAN PHILLIPS, K.C.
אימפעריאל באנק בילדינג
171 יאנג ס'טריט
קארנער יאנג און קווין סט.
אפיס שטונדען: פון 10 פריה ביז 6 נ. מ.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.
לאיער
ה. ס. מאנדעל
פון
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. או. ה.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט
705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן: וועיווערלי 2211
הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419.
לאיער ב. ווינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליס
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.

לאיערס גלעס און דיקלער
פון
GLASS - DICKLER & CO.
708 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט
904־905 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 3083
הויז טעלעפאן: טריניטי 1078
לאיער סאול אייזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס

לעזט דעם ,,אידישען זשורנאל"
אונזערע נייע נומערן
טעל. עדלייד 7424 און 7425

STANDARD THEATRE
אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: וועיווערלי 6950
בעטי פרענק און פסח'קע בורשטיין
בנימין בלאנק צוזאמען מיט יעקב זאנגער
פרייטאג אוונט שבת בייטאג און אוונט
דעם 19־טען און 20־טען פעברואר
בעטי פרענק אין מאלי פיקאנ'ס גרויסען סוקסעס
„דאס פרעהליכע יתומהל'ע"
בנימין בלאנק'ס פראדאקשאן. יאזעף רומשינסקי'ס מוזיק.
מיטוואך אוונט דעם 24־טען פעברואר
לעידיס פריי 2 פאר איינס
אברהם גאלדפאדען'ס אונשטערבליכע אידישע אפערא
עקדת יצחק
די גאנצע קאמפאניע נעהמט אנטייל:
אונזער קאמפאניע
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, חוה זימאנד, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, היימאן ראפאפארט, משה זיידמאן און אליקם אמאסיא

היט אייך פון טריפות!

דער משרד הרבנים מאכט באקאנט אז
דער בוטשער ש. בורד
358 קאלעדזש סטריט

איז גע'אסר'ט על פי דין לויט די גע'הרג'עטע לעבער וואס איז געווען ביי איהם אין סטאר, און לויט דעם שלעכטען רעקארד פון ווינעפעגער רב.

קיינער קען ניט זיין מתיר אסורים, יעדער איד זאל זיין פארזיכטיג פון טריפות.

משרד הרבנים טאראנטא.

צבי יהודא קעלמאן

דער ביז יעצטיגער מלמד אין תלמוד תרה עץ חיים דיארסי סטריט, פון וואנען ער האט געצויגען חיונה בכבוד, האט זיך פארקויפט צו א טריפהנעם האלסיילער צו כשר'ן די נבלות וטריפות וואס פארפלייצען די שטאדט און רואינירען אלע תלמוד תורות און צדקה אנשטאלטען און פארניכטען די פרנסה פון 150 אידישע פאמיליעס שוחטים, בוטשערס, משגיחים, רבנים.

מיר ווארנען אלע אידען זיך צו היטען פון די פאלשע הכשרים.

די פאלגענדע בוטשערס פארקויפען נבלות וטריפות

אייבי עפעלזאפט	854 דאנדעס סטריט
מאיר האלצמאן	קארנער נעסאו און בעלוויו עוו
שמעון קעלערמאן	באלדווין און ספעדיינע
דער בוטשער און טשיקען דילער אין 688 קאלעדזש סט.	
אייזיק אונגערמאן	38 קענזינגטאן עווענו
טשארלי פרוסקי,	255 אגוסטא עוועניו

וואורשט פעקטארים אויפמערקזאם

נעהמט ניט אריין קיין ברוסטען פון די אויבענדערמאנטע בוטשערס אדער פון דעם פלייש פעדלער

די שחיטה פון די פאלגענדע שוחטים איז נבלה וטריפה

אברהם הורוויץ — באלדווין סטריט
יוסף קירשענבוים
פישביין — קעמערא'ן סטריט
נחום טאוב (דער אוקראינער) דאנדעס, קארנער מארקהאם

משרד הרבנים — ועד הרבנים